

בס"ד

שנה ו'
פרשת וירא
נומער 286

# קרית ברסלב בלעטל

אברהם משה הכהן שטראססער
**אריין אין באקס**

שמואל אייכנשטיין
**ווערטער האבן קאנסעקווענצן**

משה ארי' שניצלער
**אברהם אבינ'ס אויגן**

שטעטל נייעס
**כולל בוקר באנייט**

אהרן קליטניק
**חתונה מאכן די קינדער**

# ויאמר הנני

איבער דרייסיג נדבנים גע'חתמ'עט מקח פארן נייעם שטאק פון תלמוד תורה

קרית ברסלב בלעטל

פרשת וירא תשפ"ו • 286

כולל בוקר 6



קבועות מזוזה אין חדר 47



אבד חסיד מן הארץ 14




| | |
|---|---|
| פינטל | 4 |
| פנינים | 12 |
| ברסלב'ע שטוב | 31 |
| קינדער בלעטל | 39 |


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאן גרופ

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

## זמנים
וירא י"ז חשון

הדלקת הנרות . 04:27
מוצאי שבת ..... 05:57

**מנחה מעריב**
**פרשת חיי שרה 5:35**







THIS IS HOW
YOUR PROPERTY
SHOULD LOOK

CLEAN

KB GROUP
property management
and construction team

845.439.0001

KBMANAGEMENTNY.COM

FULL CLEANUP \\ LEAF CLEAN UP \\ PROPERTY CLEAN UP \\ ARIATION

פּיצל.

# אריין אין באקס

זיך אנשטויסנדיג אין פילע באקסעס פונעם נאר וואס צאמגעשטעלטן ארדער, פאלט מיר איין, איין מינוט... בעג'ס אדער באקסעס?

זאל זיין בעג'ס זאל זיין באקסעס זאל זיין קעסעס, הער אויף ווייל איך געב דיר באלד אזא באקס (אין קאנאדא זאגן זיי בָּאקס, לאך נישט ווייל דו כאפסט א בַּאקס).

אבער באמת, דארפן מיר לעבן אין א באקס? מ'דארף דאך אביסל טראכטן אויט אויף די באקס, ניין?

פיל מאל ווען מענטשן קוקן אונז אן פאנאטיש, א טייט קאמיוניטי, וויליאמסבורג'דיג, מענטשן אין די באקס.

איז דאס נישט באמת ווייל זיי ווילן אונז ארויסנעמען פון אונזער באקס, און לאזן לעבן אויף די פריי, עס איז נאר אזא מין פארטושעניש א פארבלענדעניש, גיי ארויס פון 'דיין' באקס און קום אריין אין 'מיין' באקס, איי דיין באקס איז פיל קלענער, שמאלער, טייטער, מיר פיטן בכלל דארט נישט אריין, אבער אונז זעמיר אין א באקס...

מוהר"אש האט געזאגט א טעם פארוואס ווען זיי טוען גראדואירן הויער שולע טוט מען זיך אן דעם באקאנטן פיר קאנטיגן גראדואציע היטל, דאס איז פשוט עס טוט סימבאלאזירן דאס וואס זיי טוען יעצט גראדואירן, נעמליך זיי האבן יעצט געענדיגט 4-5-6 יאר פון פארשמעלערן דעם מח ביז יעצט, יעצט נאכן זיך בענדן דעם מח אויף אזוי פיצל, היינט קען מען שוין גראדואירן... די מח פיט שוין ממש אריין אין אזא קליין באקסל...

די גאנצע קולטור פון אזויגערופענע פרייהייט איז אזא מין קליינקעפּיקייט, אזא מין רחבות אין צימצום, און צימצום אין רחבות.

זיצט א סטודענט אין שולע, זעט א וועלט, עס בליט עס וואקסט, עס ארבעט, אזא קאמפליצירטע מאשין א מענטש, רעדן הערן טראכטן, בפרט דארט צווישן די ווענט פונעם קאלידזש לערנט מען דאך די וואונדער פון די בריאה פונעם מענטש, פונעם וועלט, פארשלייערט אין די כפירה ווארט פון סייענטס, נעטשור, די סטודענט איז דאך אזוי נאנט פשוט צו זען און אנהייבן טראכטן: וואוו... יש מנהיג לבירה, א רגע, א רגע, דאס מאכט דאך פשוט נישט קיין סענץ, אזא קאמפלעצירטע בריאה, און איך מוז זיך צווינגען צו גלייבן אז אלעס ווערט פון זיך אליין?

דערפאר לערנט מען נאך א יאר, און נאך א יאר, דו טראכסט? קום אהער, נאך א יאר לערנען טראכט נישט, די טראכסט נאך אלץ? נאך א יאר נאך א יאר, אזוי ארום אז ווען מען גראדואירט איז שוין די מח אזוי קליין, אזוי אין באקס, אזוי משועבד צו טראכטן נאר דאס וואס "איך" וויל דו זאלסט טראכטן, בשום אופן טראכט נישט אליין, אז מען דארף נישט חושש זיין אז עס בלייבן עפעס נארמאלע שכל צו טראכן אז דער אייבערשטער האט דאס אלעס באשאפן.

די מערסט שכל'דיגע וועג פון טראכטן, איז די תורה וועג, די וועג פון צדיקים, אודאי! די אמת איז שווער, עס איז מחייב צו טון און טון, דאס איז די סיבה פארוואס די פרייע, די לינקע, די ליבעראלע שרייען אויף אונז: דו ביסט אין באקס, קום ארויס פון דיין באקס. ער וויל דיר פשוט זאגן קום אין מיין באקס איך וועל דיך לערנען ווי אזוי צו זיין פריילך גליקליך, פראו"ד בלע"ז מיטן נישט טראכטן.

דער פרייער לינקער אופן מיינדעד, קוקט מיט בייז וואונדער אויפן פאנאטישער פרומער, וואס הייסט? דיינע קינדער זענע נישט עדזיקעטעט?

## נקודות וואס דערגרייכן דאס פינטעלע איד

**הרב אברהם משה שטראסער**

וואס הייסט עטץ האלטס נישט מיט די נייעס? וואס הייסט א גאנצע קאמיוניטי וואס מען האלט פארשפארט מען לאזט זיי נישט האבן קיין צוטריט צו די מידיא? נעבעך, נעבעך, מיר זענען פריי מיר דארפן נישט טראכטן (ששש.. מיר טארן נישט טראכטן...) מיר זענען צוגעקלעבט צום סקרין און יעדער נַאר וואס האקט אריין זיינע דעות דארט מוזן מיר טארכטן ווי אים.

ברוך השם ערליכע אידן די וואס גייען נאך צדיקים זענען פריי, זענען באמת אפען מיינדעד, זיי זענען נישט משועבד צו טראכטן ווי דער נַאר טראכט' דאס איז טאקע א בייז וואונדער ווי א גאנצע קאמיוניטי קען אליינס טראכטן, קל 'דעות' השם. מען לאזט אונז טראכטן מען לאזט אונז פריי, אונזער מח קען אליינס דעסיידן צו טראכטן נארמאל, צו קוקן אויף די וועלט מיט א בליק פון תכלית, נו ווודאי זענען דיע פון די טייט קאמיוניטי די קלוגע מענטשן, געלאסענע, זיי ווילן אז מיר זאלן ארויסקומען פון אונזער באקס, ווי מיר זענען פרייליך צופרידן מיר דארפן נישט פראקלאמירן "דראג פריי זאנס".

אונזערע לערער'ס דארפן נישט קומען מיט בלעכענע הויזן בלעכענע פנים זיי זאלן נישט צו'מזיקטא ווערן פון די פרייע געדאנקען גאנג פון די וואס זענען אינדרויסן פון באקס.

א באקס אדער א בעג? שמור מרחק געב מיר נישט דיין בעג צו ברעכן, און פאק מיך נישט אריין אין דיין שמאלקעפיגע באקס.

ברוך השם די באקס ווי אונזערע צדיקים האבן אונז אריינגעלייגט איז זייער א גוטע באקס.

דער ראש ישיבה זאגט דער ענין פארוואס ביי היימישע אידן זעט מען אז אלע מאכן די שבת סעודה מיט די זעלבע מאכלים, מיר אלע האבן אן עונג שבת פון דאס וואס אונזערע זיידעס האבן געהאט אן עונג שבת, מען רירט זיך נישט אוועק קיין שום מאכל, דאס איז ווייל מען האט אונז אוועקגענומען אונזערע עלטערן מיר האבן געמוזט נעמען די וואנדער שטעקן

**אויפן וועג קיין מצרים האט אברהם פארשטאנען אה! עס איז נייע צייטן עס איז נישטא קיין ברירה, אין מצרים מוזן מיר מאכן א באקס.**

און ארויסוואנדערן צו די טריפה'ענעם אמעריקע, ווי די חמר מדינה איז "ווער זאגט" "מיינד יו און ביזנעס".

האבן אונזערע עלטערן אפגעמאכט מיר מוזן זיך אנכאפן מיט אלע כוחות צו טון פונקטליך וואס מען האט געטון אינדערהיים ווייל איין בלינק אוועק פון "ווער זאגט" קען ח"ו ברענגען א גאנצע קייט פון אנדערע ווער זאגט.

אונזער טאטע אברהם גייט קיין מצרים, עס איז א נידריג שמוציג לאנד, ביז יעצט האבן מיר געקענט לעבן ווי אזוי מיר האבן געוואלט, די עיקרים זענען סיי ווי געווען, מען האט נישט געדארפט מאכן קיין גדרים, מיר זענען געווען באשיצט ביי צדיקים.

אויפן וועג קיין מצרים האט אברהם פארשטאנען אה! עס איז נייע צייטן עס איז נישטא קיין ברירה, אין מצרים מוזן מיר מאכן א באקס שרה בתיבה..., שרה אין די קאסטן.

אין ערוות הארץ מוזן מיר באגרעניצן די רעכטן פון אונזערע ווייבער און אונזערע טעכטער כדי זיי זאלן נישט אינגאנצן פארלירן זייערע רעכטן, מיר דארפן דיסקרימענירן און נעבעך אייצומען זייער פרייהייט כדי זיי זאלן נישט דיסקרעמינירט ווערן, און פארלירן אינגאנצן זייער פרייהייט ארייגפאלן אינעם באקס פון מצרים.

יא מיר גייען אין די וועגן פון אונזערע אבות, מיר זענען פראו"ד צו זיין יאנטשי, מיר זענען גליקליך אז מיר זענען צווייט קלאסיג, מיר טוען אן מיט שטאלץ די קליידער וואס זענען אראפגעקוקט ביי דיר, וואס קען דען זיין א גרעסערע שטאלץ פאר א איד איך בין נישט ווי דיר. איך בין פריי, איך האב נישט פארלוירן מיינע רעכטן וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן.

# באנייט דעם כולל בוקר

## כולל בוקר אין שטעטל זיך צוריק אנגעהויבן מיט א פרישקייט

עס טוט זיך א נייע מאוומענט אין שטעטל, אינגעלייט האבן זיך גענומען צו די משניות, מ'לערנט יעדן טאג אכצן פרקים משניות, מ'לערנט בלעטער גמרא. עס טוט זיך א פרישקייט אינערהאלב די קהילה. וואס גייט פאר? וואס האט דא פאסירט?

ביי די שיעורים און שמועסן אין לויף פונעם שבת קודש פרשת נח, ספעציעל ביים שיעור אין סיפורי מעשיות שבת אינדערפרי נאכ'ן דאווענען, האט דער ראש ישיבה שליט"א נאכאמאל שטארק מחזק געווען אז א תלמיד היכל הקודש דארף לערנען משניות, מען דארף זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות, און נאר אזוי קען מען זיך שטארקן און דערהאלטן, און אפילו די וואס זענען פארנומען מיט צרכי רבים, וואס איז באמת גאר א גרויסע און חשובע זאך, איז דאס אבער נישט קיין אויסרייד אז מען זאל אפלאזן דעם משניות'ל, מען דארף כסדר זיך ארומדרייען מיט א משניות אין טאש, און ארייננכאפן נאך א פרק און נאך א פרק.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער וויל עפענען א "כולל בוקר", אז יעדן אינדערפרי פון זעקס ביז זיבן אזייגער, זאלן אנשי שלומינו זיצן און לערנען אין בית המדרש.

אין א בריוו די וואך צום גבאי פון שטעטל, מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן: "איך וויל וויסן אויב מיר קענען צוריק באנייען די כולל בוקר, אנהייב שטעטל ווען די בית המדרש איז געווען אונטער אברהם משה'ס הויז האבן מיר געהאט א כולל בוקר פאר אינגעלייט וואס קומען לערנען פון זעקס אזייגער ביז זיבן אזייגער, א שעה פארן דאווענען, איך וויל באנייען די כולל בוקר, איך האב אזא גליסטעניש אז די בית המדרש זאל זיין אנגעפילט פארטאגס וואו אלע וועלן קובע זיין לערנען שיעורים כסדרן בכל התורה כולה "ח"י פרקים משניות , יום תהלים און אסאך בלעטער גמרא און הלכה."

די וואך האט זיך בעזר השם אנגעהויבן די כולל בוקר, דער ראש ישיבה האט אויפגענומען מו"ה יודל דעפריס הי"ו צו שטיין בראש, אויפנעמען די אינגעלייט זעקס אזייגער אינדערפרי מיט א גוט מארגן און אפשרייבן ווער עס איז געקומען. סוף חודש וועט מען ווערן באצאלט פאר אלע וואס זענען געקומען.

די כולל בוקר איז פון מאנטאג ביז פרייטאג. מען קען לערנען די אייגענע שיעורים כסדרן, אדער מיט א חברותא.

**בזכות התורה ולומדיה יוצל העולם**



יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

**מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו**

**מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו**

**מו"ה משה אריה שניטצלער הי"ו**

פאר'ן מנדב זיין

# פרנס החודש חשון

די זכות פון ארויסהעלפן דעם
הייליג'ן רבי'ס מוסדות זאל אייך
ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה
בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט
פיל סייעתא דשמיא.

*sruliHeskel

# פנינים

# קאלירפולע מיקרא-קלימאטן

אינעם לאנד אזערבידזשאן, אינעם געיטשיי ראיאן געפונט זיך א מיקרא-קלימאט וואו עס וואקסן אויסערגעווענליכע געשמאקע און זאפטיגע מילגרוימען, (גערופן אין די ארטיגע שפראך נאַר), עס וואקסן נאנט צו זיבעציג סארט מילגרוימען. די מערסט באקאנטע צווישן זיי איז די ווועלעס-מילגרוים, די שירין-מילגרוים, די גולעישע מילגרוים און די שישבאבא מילגרוים. אזערבידזשאן ווערט פאררעכנט אלס די איינציגסטע לאנד אין די וועלט וואו עס וואקסן אלע סארט מילגרוימען, די אזערבידזשאנישע מילגרוימען ווערט עקספארטירט אין אסאך רוסיש רעדנדע לענדער, ווי אויך אין פוילן און אין פראנקרייך, און די ליסטע וואקסט פון יאר צו יאר.

אזוי איז דא ארום די וועלט פארשידענע קלימאטן זאנעס און מיקרא-קלימאטן זאנעס, גרעסערע און קלענערע וואס צייכענען זיך אויס אין די וואוקס פון פארשידענע ערליי פרוכט און גריינצייג, מיט זייערע געשמאקע טעם, אויסזען און גערוך.

אינעם גרויסן בילד איז די וועלט צעטיילט אין זיבן קלימאטן, אזוי ווי דער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ה, אות י', אז אויף יעדע פון די זיבן קלימאטן איז באשטימט אן אנדערע מלאך, און דערפאר וואקסט אין יעדע קלימאט אנדערע סארט פרוכט, לויט דער מלאך וואס איז ממונה דערויף.

נאך איבער די אויסשטעל פון פרוכט און פלאנצונגען זאגט אונז דער רבי (שיחות הר"ן, סימן ס'), אז אין די ארומיגע לענדער וואו ער האט געוואוינט וואקסן נישט קיין פרוכט, ווייל מ'ווייסט נישט די ריכטיגע פלעצער וואו זיי צו פלאנצן, און דער רבי איז דאס מסביר, אז פון די אבן שתי', די פלאץ פון וואו די וועלט איז באשאפן געווארן, גייט ארויס אדערן צו אלע לענדער, און שלמה המלך וואס איז געווען א גרויסער חכם און געוואוסט וואו אלע אדערן גייען האט איינגעפלאנצט אין ירושלים אלע סארט פרוכט ביימער, אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן אין מדרש (תנחומא קדושים, סימן י').

אזוי אויך, זאגט דער רבי, אין אונזערע לענדער, אויב וואלט מען געוואוסט די גאנג פון די אדערן וואלט מען דא אויך געקענט פלאנצן די פירות וואס וואקסן נישט דא, ווייל אפילו אין אונזערע לענדער לויפן דורך אדערן פון אנדערע סארט פרוכט, מיט דעם אלעם, טרעפן זיך די אנדערן צוזאמען, און ווען מען וואלט געוואוסט די גענויע פלאץ און גאנג פון די אדערן וואלט מען געקענט פלאנצן פרוכט וואס וואקסן נישט אין אונזערע געגנטער.

(אין אנדערע ווערטער, אין רוסלאנד וואקסט נישט צום ביישפיל די באנאנא פרוכט, צוליב איר קאלטע קלימאט, און באנאנעס דארפן אווארעמע טראפישע קלימאט, אזוי ווי די לאנד עקוואדאר, און דאס גלייכן, אבער אויב וואלט מען געוואוסט וואו עס לויפט דורך די אדער פון די באנאנע פלאנצונג ארויס פונעם אבן שתי', וואלט מען דאס געקענט



## שיחות,
## זכרונות און
## אנעקדאטן

### יואל שניצלער

איינפלאנצן אפילו אין רוסלאנד, און אזוי ווייטער).

און דער רבי פירט אויס אז די זאכן זענען באהאלטן און פארהוילן פון די וועלט, און מען טאר דאס נישט אנטפלעקן.

***

דעם פארגאנגענעם יום טוב סוכות, שבת חול המועד האבן מיר געליינט מגילת קהלת, וואו דער מנהג איז, ביי שלש סעודות האבן מיר געשמועסט בדיבוק חברים פון דעם פריער דערמאנטן שיחה וואו דער רבי רעדט פון חכמה פון שלמה המלך, איז ארויסגעקומען זייער א שיינע לימוד וואס מיר קענען זיך לערנען פאר אונזער לעבן לעובדא ולמעשה.

***

דער הייליגער רבי זאגט אין שיחות הר"ן, סימן עז, און מיר וועלן דאס אראפברענגען אינעם לשון פון דער ראש ישיבה שליט"א אין א בריוו:

דער הייליגער רבי זאגט (עיין שיחות הר"ן, סימן עז) אז מען קען זען אין שטוב צווישן די קינדער אן אפשפיגלונג פון אלע פעלקער; איין קינד איז גלייך צום טערק - ער זוכט זיך צו קריגן מיט יעדן איינעם; דער צווייטער איז גלייך צום רוס - ער מאכט שפיצלעך און שרייט: "איך טו גארנישט"; דער דריטער איז ווי דער אמעריקאנער - ער באלעבאטעוועט אויף אלעמען; דער פערדער איז ממש ווי שווייץ - ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם, און אזוי ווייטער; נאכדעם קומען די עלטערן וואס זיי זענען ווי די יו-ען, זיי מאכן שלום און האלטן אלע קינדער ביי איין טיש.

***

פינקט וואו פונעם אבן שתי' אינעם בית המקדש איז ארויסגעקומען אלע סארט אדערן פון אלע סארט פלאנצונגען, אזוי אויך, אינעם בית המקדש מעט, אין יעדע אידישע שטוב, וואקסן און שפראצן עטליכע סארט מענטשן מיט זייערע אייגנארטיגע נאטורן און כאראקטער, קינדער וואס לא ראי זה כראי זה, איינער איז רואיג און איינגעהאלטן, און איינער איז לאוד און שפרינגעדיג, איינער רעדט אסאך מיט די הענט און פיס, און איינער רעדט וויניג, איינער גלייכט צו שלאפן אסאך און איינער שטייט אויף מיט די קוויטשקען פון די פייגעלער, איינער עסט די מינימום, דער צווייטער, וויפיל עסן מ'וועט אים אנגערייטן וועט ער בעטן נאך, און אזוי ווייטער.

דער ראש ישיבה לערנט אונז ווי אזוי צו טרעפן יעדע איינציגסטע אדער, יעדע סארט אדער, דאס אידענטיפיצירן און דערקענען, דאס מאכן שפראצן, באשפריצן מיט וואסער און זון, דאס פלעגן מיט ווארעמקייט און ליבשאפט, דער ראש ישיבה לערנט אונז אז עס איז נישטא אזא זאך אז די סארט אדער/קינד האט נישט קיין פלאץ אין דעם לאנד/שטוב, נאר יעדע סארט אדער קען וואקסן און שפראצן אין יעדע שטוב.

***

דער רבי זאגט: "כל הגידין מתערבין ומתחברין יחד", אפילו יעדע אדער איז מסוגל פאר א צווייטע זאך און גייט צו א צווייטע פלאץ, זענען אבער אלע אדערן אויסגעמישט; דער ראש ישיבה לערנט אונז אז אפילו ווען מאן און ווייב זענען צוויי באזונדערע סארט נאטורן, איינער איז אש און איינער איז מים, דאך מיט די ליכטיגע עצות קען מען לעבן אינאיינעם מיט ליבשאפט, אזוי ווי דער ראש ישיבה שרייבט כסדר אין די בריוון:

שלום בית איז נישט אזביידע זאלן טראכטן איינס, שלום בית איז ווען צוויי פארקערטע מענטשן לעבן אינאיינעם בשלום. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן פ): "שֶׁמְּחַבֵּר תְּרֵי הֲפָכִים", ווען מען שטעלט צוזאם צוויי פארקערט זאכן - דאס איז שלום, אזוי ווי עס שטייט (איוב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דער אייבערשטער מאכט שלום אין הימל צווישן צוויי מלאכים, זאגט דער רבי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", איין מלאך איז פייער און איין מלאך איז וואסער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", זיי זענען צוויי פארקערטע זאכן, ווייל וואסער לעשט אויס פייער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", גייט דער אייבערשטער און מאכט שלום צווישן זיי און ער באהעפט זיי צוזאמען; זעט מען וואס איז שלום, מחבר זיין צוויי פארקערט זאכן, עיין שם.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן סא) דער צדיק איז דער אבן שתי'; ביים רבי'ן האט יעדער א פלאץ אין הארץ, יעדע סארט אדער ציט זיין חיות פונעם צדיק, דער צדיק קען אלעמען העלפן און ווייזן א וועג צו מצליח זיין אין עבודת ה', צו מצליח זיין אין פרנסה, צו מצליח זיין אין שלום בית און חינוך.

אפילו עס זענען דא אלע סארט מענטשן ביים רבי'ן, פון אלע סארט ערציאונגען, אלע סארט נאטורן און נייגונגען, אבער "מתערבין ומתחברין יחד", דער ראש ישיבה לערנט אונז די וועג צו קענען לעבן מיט אלעמען באהבה, אחוה, שלום וריעות.

# קרן ה

היכל

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"

ספרי רב

על ידי הפצת ספרי

## פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב מייזעלס
הי"ו

מו"ה
אברהם שבתי
מזרחי
הי"ו

## פרנס החודש

| | | | |
|---|---|---|---|
| ניסן | מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו<br>לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם | תמוז | מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו<br>הרוצה בעילום שמו |
| אייר | מו"ה משה האמער הי"ו<br>מו"ה אשר לעווי הי"ו | אב | מו"ה אלי קנאלל הי"ו<br>מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו |
| סיון | מו"ה בניהו אונגאר הי"ו<br>מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו | אלול | מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו<br>מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו |

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פאר

פרנס החו

מו"ה יואל רא
מו"ה דוד

דער אייבער
העלפן אז און
און פארשפ
הייליגן רבין'ס
דיר דער אי
ערפילן כל מ

*sruliHeskel

## פרנס השנה

מו"ה **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

מו"ה **יקותיאל פעלדמאן** הי"ו

מו"ה **מאיר וויזעל** הי"ו

מו"ה **דוד טשינגל** הי"ו

מו"ה **יואל מארקאוויטש** הי"ו

## פרנס החודש

| חודש | |
|---|---|
| תשרי | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו |
| חשון | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מץ הי"ו |
| כסלו | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו |
| טבת | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו<br>מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו |
| שבט | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו |
| אדר | מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו<br>מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו |

דפסה
ל הקודש ברסלב
ל ותלמידיו הקדושים בעולם

ינו נביא משיח צדקינו

דריקן אונזער
פאר ידידינו
ן מנדב זיין

דש חשון

ענבערג הי"ו
מץ הי"ו

שטער זאל
כות פון דרוקן
רייטן דעם
ם ספרים זאל
יבערשטער
שאלות לבך.

שפיגל

# ווערטער האבן קאנסעקווענצן

ווען אבאמא יר"ה איז געווען פרעזידענט אין אמעריקא אפאר יאר צוריק, איז דאן געווען א גרויסע געפעכט צווישן די קעלבעלעך אין אמעריקע.

אין אמעריקע איז פאראן א געזעץ וואס פארלאנגט גלייכבארעכטונג פאר אלע. אין ענגליש הייסט עס Freedom For All.

צווישן די רעכטן וואס יעדער אינדיווידואל אין אמעריקע האט, איז פארשידנס, יעדער מעג זיין פרייליך, לאכט נישט, עס איז אפעציעל אין די קאנסטוטאציע פון אמעריקע איז יעדער איז בארעכטיגט צו זיין פרייליך.

נאך אין די קאנסטוטאציע איז, אז יעדער אין אמעריקע האט די רעכט צו זיין גלייך מיט אנדערע, נישט אז עס זענען פאראן אן עליטע קרייז פון נאבעלע פערזאנען וואס האבן מער רעכטן, אנדערש ווי דאן וואס אין ענגלאנד פון וועמען די אמעריקאנע האבן זיך געזוכט אפצורייסן זענען געווען א גאנצע פאלק פון הויכגעשעצטע פערזאנען וואס האבן אפעציעל געהייסן אדללייט, זיי האבן צום ביישפיל געמעגט גיין מיט רויטע זיידן אין די קליידער און וואוינען אין גרויסע געגנטער ווי די פשוטע המון עם האט נישט געמעגט אריינטרעטן, אין קורצן זיי זענען געווען פונעם העכערן עשאלאן פונעם פאלק.

אין אמעריקע האט מען געמאכט פארקערט, יעדער איז אייניג, יעדער קען קויפן א הויז ווי ער וויל, יעדער מעג שטימען אין די וואלן.

צוריק צו אבאמא, ווען ער איז אריינגעוועלט געווארן אין אמט זענען די קעלבעלעך געקומען מיט א שטארקע טענה, "מיר דארפן אויך גלייכבארעכטיגונג צו שטימען".

איי האט מען זיי געענטפערט אז זייט ווען האבן בהמות סיי וועלכע רעכטן, און נאכדערצו צו שטימען?

האבן זיי געענטפערט מיט א קל וחומר, מאדאך אז אבאמא קען זיין פרעזידענט דאן איז דאך פשוט אז די קעלבעלעך דארפן האבן די רעכט צו וועלן ...

שוין, געענדיגט מיט די לצנות... על כל פנים פאר די קומענדיגע פאר שורות.

יעצט שטעלט זיך די פראגע, ווי אזוי קען זיין אז אזא .... זאל ווערן פרעזידענט פון אמעריקע.

דער ענטפער איז פשוט, החיים והמות ביד הלשון, א פיסק אויף שרויפן האט ער פארמאגט און מיט דעם אריינגעהויבן שטיצערס צו זיך אין באזע. און געוואונען די וואלן איינמאל, און פיר יאר דערנאך נאכאמאל.

אין יענע צייטן איז געווען א שטארקע ליניע וואס איז געלאפן צווישן די עמך גוים. אין א פרייע איבערזעצונג פון ענגליש טייטש זיך דאס אזוי "ווערטער האבן קאנסעקווענצן". דער אבאמא פלעגט דאס אלץ נוצן צו ארויסברענגען דעם פאקט אז ער איז גאר גאר פאפולער ביים פאלק צוליב דעם וואס ער האט א גוטע מויל, און אלס רעזולטאט פון זיין כח הדיבור האט ער אסאך שטיצער.

זיינע קעגנער האבן דאס גענוצט אבער פונקט פארקערט, מאכט זיך אמאל אזוי ווי ביי יעדן וואס רעדט אסאך אז מען פאררעדט זיך, א פליטת פה, און אבאמא האט פרובירט זיך צו פארענטפערן אז ער האט עס נישט געמיינט ערנסט נאר געמאכט א וויץ וכדומה. דאן איז מען אים צוריקגעקומען שמייסן אין פנים "היתכן, דו זאגסט דאך אליינס אז דיינע ווערטער האבן קאנסעקווענצן". און אריינגיין אין פונקטליכע דעטאלן האט עס אים דעמאלטס אסאך שאדן געמאכט.

געווען איז עס מיט עטליכע חדשים צוריק ווען א אינגער אמעריקאנער צורידערטער פון א רעכטע פאמיליע איז ראדיקאליזירט געווארן אויף גאר אן עקסטערמיסטישן אופן צו לינקס, עד כדי כך אז ער האט זיך איינגעפאקט כלי משחית און אראפגעווישט פון וועג א געוויסע פאפולערע גוי, א שטארק רעכטער פיגור.

יעצט אזוי, פאליטיק איז בעצם נישט אינטערעסאנט, ס'איז א שוי שפיל וואס שפילט זיך איבער יעדע עטליכע יאר, אבער וואו זאכן ווערן לאכעדיג איז די פאליטיק אונטער די פאליטיק. נאך די אויבענדערמאנטע מעשה, האט זיך אנגעהויבן א באשולדיגונג שפיל. די רעכטע האבן גע'טענה'ט אז די לינקע זענען אלע סאדיסטן און רוצחים, די לינקע האבן גע'טענה'ט אז די רעכטע אליינס זענען שולדיג דערין ווייל זיי הייצן אן די געמיטער, די רעכטע האבן צוריק געפליקט אז די לינקע זענען

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**שמואל אייכנשטיין**

רוצחים און זיי זענען אויך משוגעים ווייל זיי באשולדיגן גאר די רעכטע אין זייערע מערדעריי, האבן די לינקע צוריקגעשריגן אז די רעכטע הייצן אויף די געמיטער ווייל זיי רופן אן אלע לינקע רוצחים, חד גדיא חד גדיא...

אויב ווילט איר פארשטיין פאליטיק דאן ליינט איבער די שורה עטליכע מאל און איר וועט עס זייער קלאר ארויסהאבן...

אבער צוריק צו אבאמא, די עיקר וואס מען האט זיך גע'טענה'ט איז געווען איבער ווער עס איז שולדיג אין איבערהיצן די מצב, ווער עס איז דער וואס רופט צו שעדיגן די אנדערע זייט, זענען די אנדערע זייט געקומען און פארגעלייגט אז "מיר האבן נאר גערעדט כך וכך, מיר האבן נישט געשיקט קיינעם שיסן אדער אומברענגען"?

אבער פון די אנדערע זייט, דאס מאל פונעם רעכטן זייט פון פאליטיק, איז זייער שטארק געווארן ארויסגעברענגט אונזער מימרא פון אויבן אז "ווערטער האבן קאנסעקווענצן". דאס הייסט אז אויב איינער רעדט און פארפירט און פארלאנגט קענען ענק נישט קומען נאכדעם שרייען אז "כ'האב נישט געמיינט אדער געוואלט". ניין, אויב דו רעדסט דארפסטו נעמען אחריות אויף דיינע דיבורים.

שוין האבן מיר שוין אוועק געשטעלט זייער שטארק אז ווען מען רעדט דארף מען וויסן אז עס האט ווייטגרייכענדע קאנסעקווענצן.

ווען מען רעדט צום אייבערשטן און מען מיינט אז מען טוט נישט אויף זאל מען וויסן אז ערגעצוואו ווערט פון דעם א רעש און טומל.

יעצט אבער קומט דער חידוש, וואס אבאמא ביים נוצן כסדר דעם פראז איז נישט געווען גענוג קלוג צו קענען אויסטראכטן.

בשעת די אויבענדערמאנטע טענה צווישן די רעכטע און די לינקע איבער ווער ס'איז שולדיג אינעם מארד פון יענער רעכטער פאפוליסט איז איינע פון די טענות אויף די לינקע געווען אז זיי קומען נישט ארויס גענוג שטארק פארדאמען קעגן דעם אומרעכט, זיי מאכן זיך נישט וואוסענדיג פון דעם. און דאס, האבן די רעכטע פארפירט איז אסאך מער שעדליך, ווייל אז מען ברענגט נישט ארויס גענוג שטארק אז דאס טאר מען נישט טון, וועלן עס אנדערע נאכטון.

איז איינער א גרעיבערנער סוחר א רעכטער געגאנגען און צוגעלייגט א חידוש.

"מורי ורבותי, ווערטער האבן קאנסעקווענצן, שטילקייט אויך".

ווייל שטילקייט ווייזט אז דו ביסט מסכים מיטן מציאות, אין אונזער פאל וואלט שטילקייט געמיינט אז אויב דו קומסט נישט ארויס פארדאמען דעם טויט פון ... ווייזטו אז דו ביסט הונדערט פראצענט מסכים דערמיט. שתיקה כהודאה.

דערמיט האט ער באשולדיגט אלע וואס זענען נישט ארויסגעקומען קעגן דעם אין ממש רציחה ווייל זיי האבן איינגענומען א שטילקייט (אגב, ווי אזוי נעמט מען איין שטילקייט?).

און דאס איז דער חידוש, מען דארף יעדן טאג שמועסן מיטן אייבערשטן, און וויסן אז דער אייבערשטער הערט אויס יעדע תפילה און אז דיינע דיבורים מאכן א גרויסע רושם, אפילו עס קוקט אויס ווי ס'ווערט נישט גארנישט דארפן מען אבער וויסן אז עס איז זיכער אז "ווערטער האבן קאנסעקווענצן".

אבער דער עיקר איז די צווייטע חלק "שטילקייט אויך". ווייל שטילקייט ווייזט אז דו ביסט מסכים צום מציאות!

און די שטילקייט האט קאנסעקווענצן.

ווייל אויב איך וועל איינעמען א שטילקייט און נישט ארויסגעקומען צום אייבערשטן מיט די שטארקסטע לשונות אנטקעגן די מעשים וואס דער יצר הרע טוט אפ מיט מיר דאן איז עס יאוש אויף א שטארקע פארנעם.

און דער עצה איז אפצולאזן דאס שטילקייט. נאר יעדן טאג איבערשמועסן נאכאמאל מיטן אייבערשטן אלעס וואס קומט פאר. און דער עיקר געדענקען אז שטילקייט האט א טייערע פרייז און טוט גארנישט אויף.

ווער געדענקט נאך די אבאמא סלאגאן?



# היכל הקודש
# נייעס

אין יונגן עלטער פון 58 יאר. ווייניג האבן געוויסט פון אים, אבער ער איז געווען אן איד וואס איז געווען דבוק אין אייבערשטן, און איז געווען א תלמיד מובהק פון מוהרא"ש זי"ע נאך פון אלס בחור

רבי פסח האט געהאט א גאר שטארקע הכרת הטוב צו מוהרא"ש זי"ע, ווי מען זעט אין זיין הארציגע צוואה געשריבן אויף אידיש אדרעסירט צו זיינע באליבטע קינדער בזה הלשון: "**טייערע קינדער, איר זאלט קיינמאל נישט קריגן ח"ו ח"ו אויפן הייליגן צדיק מוהרא"ש שליט"א!!! ער האט מיר ממש געראטעוועט בגשמיות וברוחניות אויף די וועלט און אויף יענע וועלט לנצח נצחים!!! בזכותו בין איך געבליבן א איד א שומר תורה ומצוות מיט א בארד און פאות, מיט אזוי פיל גוטס ברוחניות ובגשמיות... געדענקט!!!**".

ער האט געהאט א משניות וואס איז אים געווען גאר באליבט, דאס איז א משניות וואס ער האט באקומען בימי בחרותו פון מוהרא"ש זי"ע. מוהרא"ש האט אריינגעשריבן בכתב יד קדשו עטליכע שורות וואס האבן אים אייביג באגלייט: "**יום ה' לסדר נשא את ראש התשמ"ב. הרי זה בכי יותן להבחור היקר והנעלה פסח שפירא נרו יאיר ויזרח תלמיד מתיבתא היכל הקודש חסידי ברסלב. ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שתחזיק בהמתנה היקרה הזו כל ימי חייך, ובכל יום ויום מימי חייך תזכה ללמוד ולהשלים ח"י פרקים משניות, וזה ימשיך על נשמתך אור וחיות עריבות נעימות זיוו שכינת עוזו יתברך מח"י העלומים הנשמכת מרישא דלא אתיידע דעתיק וכו' שבתוך האי רישא מתלבש אין סוף ברוך הוא וכו' ותצליח בדרכך כל ימי חייך ברוחניות וגשמיות.**" ער האט באצירט דעם בריוו מיט שיינע קאלירן און בלומען און צוגעלייגט: "**ילדי היקרים! תכספו ותרצו ותתפללו שתזכו לומר כל יום ח"י פרקים משניות!**", דערנאך האט ער געשריבן: "**זכיתי לקבל ממוהרא"ש ישתבח שמו לעד**", "**אשרי חלקי לנצח נצחים עם כל משנה! עם כל מלה! עם כל אות ב"ה!**", "**בזכות מוהרא"ש זכיתי לכל**", "**זכיתי לקבל ממוהרא"ש שליט"א את כל חלקי ונחלתי בגן עדן לנצח נצחים**", און צום לעצט שרייבט ער : "**בני בני! החזיקו בח"י פרקים משניות, אשריכם!!!**". ( אין אידיש: "מיינע טייערע קינדער! בענקטס און בעטס דעם אויבערשטן זוכה צו זיין צו זאגן יעדן טאג 18 פרקים משניות!", "איך האב דאס זוכה געווען צו באקומען פון מוהרא"ש - ישתבח שמו לעד!", "וואויל איז מיין חלק אויף אייביג, מיט יעדע משנה, מיט יעדע ווארט, מיט יעדע אות!", "דורך מוהרא"ש האב איך זוכה געווען צו אלעס – מיין גאנצע חלק אין גן עדן אויף לנצח נצחים")

ווייניג ווייסן אז דער באקאנטער שוויתי טאוול אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג איז געמאלן געווארן דורך ר' פסח אליין. ער האט אריינגעלייגט זיין הארץ און נשמה אין יעדע זאך וואס ברענגט צום אויבערשטן.



## ארץ ישראל

פאראגאנגענעם כ"ט תשרי איז אוועק פון דער וועלט א דערהויבענער ברסלב'ע חסיד הרב ר' פסח שפירא זצ"ל, זון פון הרב ר' נחמן שלמה יצחק שפירא זצ"ל, זון פון רבי שמואל שפירא זצ"ל. ער האט צוריקגעגעבן זיין הייליגע נשמה צום באשעפער







זיין גאנץ לעבן האט ער געלעבט מיט א געוואלדיגע אמונת חכמים, און יעדע ווארט וואס ער האט געזען אדער געהערט פון רבי'ן און פון מוהרא"ש זי"ע האט ער אנגענומען בתמימות ובפשיטות. עס איז נישט מעגליך אין די ראמען פון אזא קורצע ארטיקל דאס ארויסצוברענגען. מיר ווילן אבער אראפברענגען עטליכע זאכן וואס מיר קענען נאכמאכן.

ער האט מקפיד געווען צו גיין אין מקוה יעדן טאג, און געבעטן דעם אויבערשטן בשעת מעשה וואס ער האט געדארפט. ער פלעגט רעדן צום אויבערשטן כסדר ווען ער האט נאר געקענט. טראץ זיינע פילע געזונט פראבלעמען האט ער אריינגעכאפט יעדן טאג פילע שיעורים. ער פלעגט האבן א פולע הויפן פון ספרים וואס ער האט יעדן טאג געלערנט. ער האט געזאגט טעגליך פילע לימודים אויפן סדר וואס מוהרא"ש האט אראפגעשטעלט: חומש רש"י מיט תרגום פון פרשה אנגעהויבן פון זונטאג, תנ"ך, ח"י פרקים משניות, תלמוד בבלי כסדרן (ער האט געענדיגט איבער האלב ש"ס הונדערט און איין מאל), תלמוד ירושלמי, תוספתא, מדרש רבה, מדרש תנחומא, רמב"ם, טור, שולחן ערוך, זוהר הקדוש, תיקוני זוהר, און דעם רבינ'ס ספרים.

כאטש ער האט אזויפיל אריינגעכאפט, פלעגט ער אלץ זאגן "אביסל איז אויך גוט", און האט זיך געפרייט כמוצא שלל רב מיט יעדע מצוה, יעדע תפילין, יעדע שבת. ער האט נישט געזוכט קיין חומרות יתרות, נאר וואס דער דיין האט געפסקענט האט ער געטון מיט א גרויסע שמחה. ער פלעגט כסדר ארומגיין מפציץ זיין, ער האט געלייגט די הייליגע גליונות אין די שולן און אין די פאסט קעסטלעך, אזוי אויך מחזק געווען יעדן וואס ער האט געקענט.

ער האט זיך אפגעגעבן מיט זיינע קינדער, געטאנצט מיט זיי, גערעדט מיט זיי, זיי פארציילט מעשיות פון צדיקים, און זיך אומגעקוקט אויף זיי. ער פלעגט פארן מיט מסירת נפש צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, נישט קיין חילוק ווי שווער עס איז אים אנגעקומען.

ער האט געלעבט מיט תכלית, און זיך אלץ געגרייט אויפן טאג וואס מען וועט צוריק געבן זיין נשמה צום באשעפער. אין זיין ליקוטי מוהר"ן וואס ער האט זוכה געווען צו ענדיגן עטליכע הונדערט מאל האט ער געמאלן א בילד פון א מצבה און געשריבן דערין "**פ.נ. פסח שפירא שזכה להיות ראש השנה באומן**".

ער האט איבערגעלאזט א גרויסע ירושה, פון וואס מיר אלע קענען זיך צוטיילן דערמיט, און דערמיט זוכה זיין צו לעבן א זיסע גוטע לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

# אידנו

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## טאון און ליבערטי עסעסער

נאך א לענגערע צייט וואס מען האט געמאכט אסאך תפילות, האט זיך די יעצטיגע עסעסער פון ליבערטי אפגעזאגט פון איר ארבעט און עס ווערט געזוכט א נייע.

די ארבעט פון אן עסעסער איז אפצושאצן די הייזער וויפיל עס איז ווערד און לויט דעם ווערט באשטימט וויפיל די פראפערטי טעקס זאל זיין.

עס איז שווין א לענגערע צייט וואס די חברי הנהלה האלטן און איין רעדן מיט די בארד מעמבערס פון די טאון און ליבערטי אז די יעצטיגע עסעסער שאצט נישט אפ די הייזער ריכטיג, מען צאלט איבער טעקס.

די לעצטע פאר וואכן האבן זיי געזאגט אז מען גייט איר שוין אפזאגן צוליב וואס אסאך זענען שוין געקומען זיך באקלאגן, און ווי עס זעט אויס האט זי דערשמעקט וואס מען פלאנט צו טון, האט זי זיך אליינס אפגעזאגט. יעצט איז נאך געבליבן פאר יעדן איינעם צו בעטן דעם אייבערשטען אז די נייע עסעסער וואס וועט ווערן אויפגענומען זאל זיין פאר די טובה פון די שטעטל.

## מאון סאליוועין סורוועי

פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען א סורוועי דורך סאליוועין קאונטי פאר די מאון סאליוועין שאטל וואס די שטעטל איינוואוינער האבן אויסגעפילט.

די לעצטע שטיק צייט האט חבר הנהלה מו"המנחם שטיינבערג הי"ו געריעדט צו די קאונטי אז זיי זאלן צושטעלן נאך א שאטל וואס וועט פארן און די אנדערע ריכטונג פון ווי אזוי די יעצטיגע פארט, אויף אז זיי זאלן צושטעלן נאך רוטס סיי אינדערפרי און סיי דורכאויס די נאכמיטאג שעות.דערפאר האט די קאנטי ארויסגעשטעלט א סורוועי, כדי צו הערן פון די איינוואוינער האבן צו זאגן בנוגע זייער שאטל.

יעצט בלייבט נאך איבער צו מתפלל זיין אז די קאונטי זאל טאקע פארבייטערן די שאטל סערוויס לטובת די שטעטל איינוואוינער.

### וואס איז נייעס

## אויסגעהויבן

צוליב דעם וואס די אמעריקאנע רעגירונג איז פארמאכט,

וועט די "היעפ" פראגראם - וואס צאלט פאר הייצונג פאר משפחות וואס קענען זיך נישט ערלויבן - זיך נישט עפענען נאוועמבער 1 אזוויא אלע יארן.

ווי עס הייסט יעצט וועט זיך עס מן הסתם עפענען מיט איבער 2 וואכן שפעטער נאוועמבער 17.

פאר סיי וועלכע הילף איר דארפט מיט שטאטישע פראגראמען, קענט איר זיך פארבינדן מיט מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו אויף 347-997-2348

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

מו"ה **יצחק אפעלבוים** הי"ו

וזוגתו דינה תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**קרית ברסלב ליבערטי**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

# א ווארט צווייי

זאצן וואס פארדינען שטערכלעך

בערל שניצלער

## עסקני וויליאמסבורג

"א טאג נאך מיין חתונה - די סאמע ערשטע חתונה אין א בית המדרש - האבן אלע צייטונגען באריכטעט דעם דורכברוך (דעמאלטס האט אויסגעזען ווי ס'איז ביטול הבחירה, יעדער גייט עס נאכמאכן, אבער די פאראגאנגענהייט האט געוויזן אז מ'דארף האבן דעם כח הצדיק וואס זאל עס קענען דורכברעכן). פאר איינע פון די צייטונגען האט גארנישט געפאסט אז ברסלב האט באוויזן עפעס וואס זיי קענען (נאכ)נישט, האבן זיי געצווינגען די העדליינס צו שרייען מיט קידוש לבנה אותיות: "'וויליאמסבורג' באווייזט ווידער היסטאריע מיטן דורכפירן די ערשטע חתונה אין א בית מדרש", נישט וועלכע בית מדרש, נישט ווער ס'האט געפייט דערפאר, ס'איז פשוט וויליאמסבורג... די וויליאמסבורג'ע עסקנים וואס זענען עוסק אין די בייקלעכינס און סקעמערס האבן דורכגעבראכן די חתונה קריזיס..."

**(ר' הערשל שניצלער אויף קרעמל)**

## באלי בא לי

ווען די ליבערטי ישיבה איז אריינגעפארן אין שטאט איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען אויף א שפאציר מיט די בחורים שפילן אביסל אין פארק, נאך א שטיק צייט זאגט מיר דער ראש ישיבה אז ער וויל שוין צוריקגיין אין ישיבה, און דער ראש ישיבה האט גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אז די באלי זאל אנקומען צו אים, און ווי נאר דער ראש ישיבה ענדיגט בעטן קומט די באלי צו פליען צו די פיס פון דער ראש ישיבה, און מ'איז זאפארט צוריק אין ישיבה...

**(ר' אברהם משה שטראססער שליט"א - מנהל הישיבה)**

## פעקלעך געלט געווארפן אין די גאסן

דער אמעריקאנער פרעזידענט איז געווען די וואך אין אזיע און זיך געטראפן מיט די שטאטסלייט פון פילע לענדער און אפילו אויסגעהאמערט א שלום אפמאך צווישן צוויי לענדער וואס איך ווייס נישט ווי אזוי צו ארויסזאגן זייערע נעמען. זיך ארומגעדרייעט און געקלאפט אין רוקן און געשמייכלט און געכאפט בילדער ממש ווי משה גרויס אליין. און דאס אלעס איז בשעת וואס די גאווערמענט האט נישט קיין געלט און מען האט נישט געצאלט קיין פעיראלל די לעצטע פינף וואכן, אבער פון אינדרויסן קוקט טראמפ אויס אזוי שטארק און מעכטיג אזש פרעמדע גאווערמענטס בעטן זיך ביי אים ער זאל זיי קומען באזוכן.

ווי זאגט דער ראש ישיבה: דער עושר איז סאך הכל דער וואס ווייסט ווי אזוי צו שפילן גוט, למעשה מוטשעט זיך יעדער איינער, און געלט האט קיינער.

**(שמואל אייכנשטיין)**

## ריכטיגע עשירות

דער ראש ישיבה האט געזאגט

איך האב געהערט א שיינע מעשה פון די זיידע פון די שניצלער'ס, ר' ברוך יודא ז"ל ביי די ניחום אבלים, זיי האבן דערציילט דארט אז ביי זיין חתונה האט זיך אנגעכאפט זיין שטריימל פון די הבדלה ליכט און ס'האט אנגעהויבן ברענען בשעת די חופה, דער הייליגער רבי זי"ע פון סאטמאר איז געווען אנוועזנד, האט זיך דער הייליגער רבי אנגערופן אז עס איז א סגולה פאר עשירות, אזוי שטייט פון בעל שם הקדוש אז א שריפה איז א סגולה צו ווערן רייך.

ממש לעצטנס פרעגט אים איינער: "נו, וואו איז דיין עשירות?" האט ער געענטפערט: "אלע מיינע קינדער פירן אידישע שטובער, דאס איז מיין עשירות!"

**(מיטוואך לך לך אין שטעטל)**



# מעשיות פון תפילה

## אברהם הערש וועבערמאן

קרית ברסלב

פאר א צייט צוריק האט מיין רוקן אנגעהויבן ווי טון, איך האב געטראכט אז דאס וועט אוועקגיין נאך אפאר טעג. אבער דאס האט נישט פאסירט, די ווייטאג האט זיך באזעצט אין מיר און זיך געמאכט זייער באקוועם, אפילו נאכן טון דאס און יענץ.

איך האב געזען אז דא דארף מען בעטן דעם אייבערשטן דאס איז די איינציגע עצה ארויס. האב איך טאקע דאס אנגעהויבן טון, איך האב געזאגט: "הייליגער באשעפער העלף מיר אז די ווייטאג זאל אוועקגיין פון מיר, איך בין שוין געגאנגען צום דאקטער אבער ער האט מיר נישט געקענט העלפן, איך ווייס אז נאר דו קענסט מיר העלפן, און איך זאג צו א מעשה פון תפילה פארן בלעטל ווען עס היילט זיך אויס.

למעשה האט עס גענומען נאך אפאר וואכן, און צום סוף האב איך געכאפט אז איך שפיר שוין נישט די ווייטאג א שטיק צייט, עס איז אוועקגעגאנגען אן קיין שום דאקטער אדער עפעס א פעולה. שכח אייבערשטער.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. שכח אייבערשטער כ'האב זוכה געווען צו באקומען א שיינע מתנה פונעם אייבערשטן, א זיסע מיידל מיט א הויכע נשמה.

אזוי ווי די מיידל איז מיט א הויכע נשמה (וואס מ'רופט 'דאון סינדראם - תסמונת דאון') און באגלייט מיט נאך מתנות ווי געוויסע זאכן אין הארץ און נאך, האט מען געדארפט גיין צו א בעסערע שפיטאל וואס געבט זיך אפ מיט רפואה פון קינדער. ס'איז ווייט פון צפת און פון אונזערע באקאנטע.

מיין ווייב האט גאר שטארק געוואלט נעמען א פרוי וואס העלפט בשעת'ן האבן, אבער אין יענע געגענט קען זי קיינעם.

# מעשיות פון תפילה

האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז די דאקטער וואס ארבעט אין שפיטאל זאל זיין א ווייכע און א גוטע פרוי וואס וועט שטיין צו מיין ווייב'ס רעכטע האנט.

למעשה אנקומענדיג דארט מארשט אריין א שטרענגע רוסישע דאקטער'קע וואס האט זיך גלייך גענומען שרייען אויף איר וכו'. האבן מיר געבעטן נאך שטערקער דעם אייבערשטן, וועןן פלוצלונג גייט אריין יענע רוסישע און זאגט אז עס טוט איר לייד אבער זי מוז גיין און א צווייטע וועט קומען אנשטאט איר.

שכח אייבערשטער די נייע אידישע דאקטער האט זייער געהאלפן מיין ווייב, און זי האט זייער הנאה געהאט פון איר.

2. אזויווי מיין טאכטער דארף פארשידענע באהאנדלונגען, און אנגרייטונגען צום גרויסן אפעראציע אין הארץ בס"ד, און אלץ דארף געשעהן אין יענע גרויסע געלערנטע שפיטאל, האבן מיר זיך געטראפן אין א שטיקל פראבלעם.

כדי אנצוקומען צו יענע שפיטאל, וואו ס'איז נישטא קיין חסד ארגאניזאציעס וואס טראגן מענטשן אין שפיטעלער, און איך פארמאג נישט קיין קאר, דארפן מיר פארן מיט אפאר באסעס שעות ארוכות, א זאך וואס איז כמעט נישט מעגליך פאר א פרישע יולדת מיט 2 פיצי קינדער, בפרט אז מ'רעדט אמאל פון אפאר מאל א וואך. במילא האט זיך אויסגעשטעלט אז מיר האבן פארפאסט אפאר פון די באהאנדלונגען.

איך האב זייער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל אונז שיקן א קאר וואס וועט אפשפארן אסאך צייט און טרחה, און וועט ערמעגליכן די וויכטיגע באהאנדלונגען.

איין טאג באקום איך א טעלעפאון פון מיין שוואגער, וואס פארציילט אז ער האט מיר א קאר פאר א חודש צייט. שכח אייבערשטער!

וואס וועט זיין מיט די קומענדיגע חודש (וואס הייבט זיך יעצט אן)? וועל איך ווייטער בעטן דעם אייבערשטן!

איך פאר מיך אזוי אויפן ראוד מיט די אפגעדונגענע קאר, און פלוצלונג פיל איך אז עפעס איז נישט בסדר. איך גיי ארויס און איך זע אז איין רעדל פעלט אסאך לופט...

איך האב נישט באצאלט מער געלט פאר די פרימיום-אינשורענס, ממילא רעדלער איז אויף מיין קאסט.

וויפיל קאסט עס? אפאר גוטע מאות...

כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט קאסטן קיין סאך, איך האב גערופן מ'זאל עס קומען פאררעכטן. דעם פאררעכטער קוקט און טשעקט, און זאגט אז גראדע די פראבלעם איז נישט אזוי טייער, ס'איז סך הכל 50 שקל... שכח אייבערשטער!

3. מיין שוועסטער האט חתונה געהאט און ס'האט אויסגעפעלט א קאר אין שטוב צו פירן די משפחה צום זאל, און די פרויען צו וואו זיי ברויכן. אבער קיינער אין משפחה פארמאגט נישט קיין קאר.

מיר האבן געטראכט צו רענטן, אבער נאך אסאך תפילות האט א פעטער מסכים געווען צו געבן אויף איין טאג זיין אלטע קאר וואס עס שטייט צו פארקויפן.

די פראבלעם איז געווען אז איינער פון די משפחה האט בטעות צוקראצט די קאר און מ'האט עס געדארפט פאררעכטן פאר גרויס געלט.

האב איך מתפלל געווען אז ס'זאל מסודר ווערן, שכח אייבערשטער אפאר טעג שפעטער האט איינער געוואלט עס קויפן פאר מיין פעטער'ס פרייז נישט אינטערעסירנדיג די קריצן.

4. איך ארבעט אין א געשעפט אין צפת. איין טאג האב איך באמערקט אז איך האב א טעות געהאט מיט א פרייז און געבעטן פון איינעם מער געלט, אבער גיי טרעף יעצט דעם מענטש.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן יענער זאל נאכאמאל קומען כדי איך זאל אים קענען צוריקגעבן די געלט. שכח אייבערשטער יענער איז צוריק געקומען און איך האב פארראכטן די טעות.

5. איין נאכט האב איך מיט מיין ווייב און די גאנצע משפחה געדארפט צוריק קומען פון א ווייטע געגענט.

די פראבלעם איז אבער געווען אז אין יענע שפעטע שעה איז שוין נישט געווען קיין באסעס צוריק צו פארן, די באס וואס קומט אן וואו אונז דארפן, נעמט נישט אויף קיין מענטשן פון וואו מיר זענען געשטאנען. מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן צו האבן א וועג אהיים.

נאך אסאך תפילות האט פאסירט אז ווען יענע באס איז אנגעקומען, האט ער מסכים געווען אונז צו נעמען אפילו ער האט



# מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן וָואס צוּ טוּן, נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שאלה

איינער האט אנגעפרעגט ביים ראש ישיבה אויף א געוויסע ספק, וויאזוי זיך צו פירן.

דער ראש ישיבה האט זיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן. ביים סוף האט דער ראש ישיבה יא געענטפערט. וואס האט ווייטער פאסירט?

לייינט אינעם בריוו.



בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיר ווִילְט פוּן מִיר הָאבְּן; טָאג אוּן נַאכְט הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיף מִיר צוּ זָאגְן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען וְכוּ' אוּן וָואס אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן וֶועט אִיר טוּן.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אִין בְּרֶסְלֶב נִישְׁטָא, מֶען זָאגְט נִישְׁט אִין בְּרֶסְלֶב פַּאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, וָואס צוּ מַאכְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ' וְכוּ'; אִין בְּרֶסְלֶב אִיז מֶען בְּסַךְ הַכֹּל מְחַזֵּק דֶעם מֶענְטְשׁ נָאכְמַאל אוּן נָאכְמָאל עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּט אַלֶעס, מַאכְט אַלֶעס אוּן פִירְט אַלֶעס.

אִיר הַאלְט מִיר אִין אֵיין שְׁרַייבְּן אִיךְ זָאל אַייךְ זָאגְן וָואס צוּ טוּן, וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען וְכוּ'; יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין אַרוֹיס פוּן מַיין וֶועג פַאר אַייךְ, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט קְלָאר וָואס צוּ טוּן, הֵייבְּט אִיר אָן מוּטְשֶׁען אִיךְ זָאל אַייךְ אַנְדֶערְשׁ זָאגְן; אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אִיר ווִילְט פוּן מִיר הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעזָאגְט אִין אָנְהֵייבּ אִיר זָאלְט טוּן וִוי אִיר פַארְשְׁטֵייט, אִיךְ זֶע אַז אִיר וֵייסְט אַלֵיינְס וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ אוּן וואוּ אִיר זָאלְט וואוֹינֶען, אִיז וָואס ווִילְט אִיר פוּן מִיר הָאבְּן?

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס אִיר הָאט זָאלְט אִיר אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַייךְ וֶוערְן קְלָאר, אִיר וֶועט ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. דָאס אִיז דִי עֵצָה, נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן בִּלְבּוּלִים, סְפֵיקוֹת אוּן נֶערְוְון וְכַדוֹמֶה; רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח): תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ מִשְׁעֶנֶת, אַן אָנְלֶענֶער; עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְס, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַרָאפְּפַאלְן גֵייעֶן זֵיי מִיט אַן אָנְלֶענֶער, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז תְּהִלִּים אִיז אַן אָנְלֶענֶער פַאר אוּנְז וָואס מִיר הָאבְּן מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר טוּעֶן מִיר נִישְׁט גוּט, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר פַאלְן, אֶפְשָׁר וֶועלְן זִיךְ זַאכְן נִישְׁט גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

*(עצתו אמונה וירא תש"פ)*

האבן א שאלה? שיקט צו askgershon@gmail.com 845-445-7447




## א שליסל צום שלאס

### שאלה

**א אינטערעסאנטע זאך האט זיך אפגעשפילט די וואך. מיין פינף יעריגער אינגל האט זיך געשפילט אין זיין קלאס צימער מיט אן אלטע הויז-שליסל. פלוצלינג האט ער זיך געטראפן פארשפארט אין כיתה, זיין רבי האט געמוזט ארייננשיקן דעם שליסל דורכ'ן פענסטער כדי עס אויפצושליסן.**

**איך וויל פארשטיין ווי אזוי ארבעט אייגנטליך א שליסל? און וויאזוי קען איין שליסל צומאל עפענען א טיר צו וואס עס געהערט נישט? ישר כח פאר די הערליכע ארטיקלען, פול מיט ידיעות און אן אוצר פון יראת שמים. יואליש קרויס, ביתר**

### ענטפער

א גרויסן ישר כח ר' יואליש פאר דיין שיינע שאלה, וואס איז אייגנטליך א שאלת חכם, וואס איז שוין א חצי תשובה. א שליסל ארבעט אויף א פשוט'ן אופן. אינעווייניג אין יעדן שלאס זענען דא קליינע מעטאלענע פינס וואס רוקן זיך אריין אדער ארויס ווען מען לייגט אריין דעם שליסל. יעדער שליסל האט א ספעציעלע אייגנארטיגע פארעם - אזעלכע "בערג" און "טאלן" צוגעפאסט צו דעם פונקטליכן וועג צו וואס דער ספעציפישער שלאס וועט זיך עפענען. און ווען אלע פינס שטעלן זיך אויס פונקטליך, קען זיך דער צילינדער פונעם שלאס דרייען, און די טיר עפנט זיך.

אמאל קען פאסירן אז א שליסל וואס געהערט נישט צו דעם שלאס, וועט עפענען דעם פארשפארטן שלאס. בדרך כלל וועט עס זיין אויב די שלאס-פארעם איז צופעליג זייער ענליך צו דעם שליסל, בפרט אויב דער שלאס איז אלט אדער אפגעניצט.

עס האט אמאל פאסירט אין די צייט פון הייליגן רבי נתן, אז א מגיד - נישט פון די תלמידי הבעל שם טוב - איז געקומען זאגן א דרשה אין שטעטל. צוויי תלמידים פון הייליגן רבי נתן זענען דארט אנוועזנד געווען, און דער מגיד, ווי דער שטייגער ביי די מגידים אין יענע צייט, האט פרובירט צו מעורר זיין און האט אראפגעברענגט כל מיני גיהנומ'ס. ער האט געווארפן א גרינעם גיהנום, א געלן גיהנום, אבער עס האט נישט גענוצט. די צוויי תלמידים פון רבי נתן זענען נישט געווארן באנומען. זיי זענען געבליבן פרייליך און די דרשת התעוררות האט זיי נישט גערירט.

דעם מגיד האט עס זייער פארדראסן. פארוואס זענען די צוויי חסידים ווייטער פרייליך, מען קען זיי נישט ברענגען צו ווערן ערנסט. האט ער זיי געזאגט א מעשה מיט א בלאזער. אין יענע צייט פלעגט מען נוצן צו קאכן, באקן און הייצן אויוונס וואס האבן געארבעט מיט האלץ. ווען די פייער לעשט זיך אויס, בלייבן נאך איבער גאר הייסע פונקען טיף אינעווייניג, און ווען מען האט געוואלט אז דער אויוון זאל ווייטער ברענען, האט מען געברענגט פרישע האלץ, מען האט געבלאזן מיט א בלאזער אויף די קוילן, און די פייער האט פריש אויפגעפלאמט און אנגעצונדן די פרישע האלץ.

"וויאזוי ארבעט א בלאזער?" - האט דער מגיד זיי געזאגט - "עס בלאזט אראפ די אש פון אויבן, און די פינקען וואס ברענען נאך פון אינעווייניג ווערן פריש אנגעצונדן. די ארבעט פון א מגיד" - האט ער ווייטער געשפיצט זיינע רייד - "איז דאס: אפצובלאזן די אש און מעורר זיין די פונק פון טיף אין הארץ."

"דאס איז אבער נאר ווען עס איז נאך דא א פונק, ביי אייך" - האט ער געזאגט - "איז דער פונק שוין לײדער גענצליך פארלאשן, דערפאר קען מען אייך שוין נישט דערוועקן."

די ווערטער פונעם מגיד האבן זייער ווי געטון די צוויי תלמידים, און זיי האבן עס פארציילט פאר זייער רבי'ן - דער הייליגער רבי נתן. דער הייליגער רבי נתן האט זיי געענטפערט: "דער מגיד איז טאקע גערעכט, אבער ער מאכט איין טעות, ער ווייסט נישט אז נישט יעדער קען בלאזן יעדעם, דער מגיד איז אפשר א בלאזער, ער איז אבער נישט מיין בלאזער. יעדער איד דארף בעטן דעם אויבערשטן ער זאל טרעפן דעם צדיק וואס האט דעם שליסל צו עפענען זיין הארץ, דער וואס קען אים אויפפלאמען צום אייבערשטן, ער זאל טרעפן אן ערליכן איד וואס מאכט אים לערנען און דאווענען."

# געדאנקען

## אברהם אבינו'ס אויגן

עס איז מיר געווען נישט גרינג אלץ קינד אריינצונעמען אין קעפעלע די זאך פון "וירא און ער האט געזען" און "וירא און ער האט פארשטאנען".

ווי קען זיין אז אייןווארט זאל האבן צוויי טייטשן?

ווען איך בין געווארן מקורב צום רבי'ן איז נישט נאר עס איז מיר געווארן קלאר ווי דער טאג די ענין פון צוויי טייטשן אויף איין ווארט, נאר איך האב עס אנגעהויבן זען ווי א יסוד אין לעבן וואס מען קען נישט לעבן אן דעם.

עס איז איינס און די זעלבע, עס איז נישט צוויי טייטשן, ס'איז איין ענין.

א מענטש האט אויגן אין קאפ, און אויגן אין די שכל.

ביידע איז אויגן, ביידע האט צו טון מיט זען, נאר איינס קוקט ווייטער ווי די אנדערע.

די VISIBLE פליישיגע אויגן וואס איז פלאצירט העכער די נאז,




אונטער די שטערן, איז קורצזיכטיגע אויגן, עס קוקט נאר אויף THE HERE AND THE NOW. די פליישיגע אויגן, קוקט אויף "יעצט" און אויף "דא".

די עיני השכל קוקט גאר ווייט, דערפאר הייסט עס "פארשטאנען".

די פליישיגע אויגן זעט די טשעקער באורד קעיק און גליסט עס, די עיני השכל "זעט" און פארשטייט אז נאך כך וכך קרעמיש קעיק קען מען חלילה באקומען דייעביטיס.

יעדע מאל וואס א מענטש גיסט אריין אין זיין קערפער צוקער וואס קומט אריין עטוואס שנעלער ווי די צייט וואס עס נעמט צו פראדוצירן די "אינסולין" וואס איז גענויטיגט בכדי צו פארדייען די מאס צוקער, איז ער גורם עס זאל ארומצירקולירן אין זיין גוף אומפראצעסירטע צוקער וואס גייט ארום אין דעם גוף און קען חס ושלום צוגראדזשענען די נירן און די אויגן און די אדערן פון די פיס, השם ישמרינו, אויסער דעם וואס די PANCREAS וואס איז די קוואל פון ארויסגעבן כסדר די לעבנסוויכטיגע אינסולין קען חלילה אנהייבן צו ארבעטן שטייטער און שטייטער.

קומט אויס אז די פליישיגע קורצזיכטיגע אויגן דיקטירט "יא קרעמיש קעיק" און די עיני השכל שרייט "נישט קרעמיש קעיק".

אזוי לעבט זיך א מענטש אפ זיינע זיבעציג יאר און א שטענדיגע מלחמה צווישן די צוויי "וַיַרְא'ס".

די "זען" ציט צו שלעכטס, און די "פארשטאנען" טראגט די פליכט פון דערמאנען דעם מענטש אוועק צו שטיין פון שלעכטס, ווייל מען קען חלילה שפעטער ביטער חרטה האבן.

די גמרא זאגט אין מסכתא פסחים שלך אי אתה רואה, זאגט

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

מוהרא"ש א טייטש אויף דעם, אז דו ביסט געגאנגען אויפ'ן גאס און אומווילנדיג האסטו געזען א נישט גוטע ראי', די עיקר איז קוק נישט צוריק, "מאך עס נישט דיינס" זאגט מוהרא"ש, געב נישט דעם צווייטן קוק, גיי ווייטער און טראכט נישט איבער, און אודאי קוק נישט איבער.

דאס איז די זאך פון "ראי' - זען" און "הסתכלות - קוקן מיט א שטערקערן בליק", מיט א בליק פון מח.

א הסתכלות רעה איז סאך ערגער ווי א ראי' אסורה. ער קוקט איבער, ער טראכט אריין אין די זאך וואס ער זעט.

איינער האט געשמועסט מיטן ראש ישיבה פון די זאך פון אכטונג געבן אז די קינדער זאלן אויפוואקסן מיט א שמירה, ריין און הייליג, האט איינער געפרעגט, וואס איז שייך ריין? עס איז דאך פול אין גאס מיט אויסגעלאסענע בילדער?! מען לעבט דאך צווישן גוים?!

האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אויב מען טוט וואס איז ריכטיג לגבי די "דירעקטע" אינפלוענס, וועלן די קינדער שוין אויך זיין באשיצט פון "אומדירעקטע" אינפלוענס".

פירוש הדברים, א מענטש דארף אויסשטעלן א וועג פאר זיין קינד, אז די סביבה וואס האט א דירעקטע שייכות מיט זיין קינד, זאל זיין א ערליכע סביבה.

דאס וואס א קינד קען זען חלילה אויף א סיטי באס א נישט ריינע בילד, דאס איז די קלענערע סכנה, די גרעסערע סכנה איז, אויב חלילה זיין חבר פון זיין חדר ווייזט אים א נישט גוטע בילד, אדער רעדט צו אים נישט איידל, דא איז שוין די סכנה א "דירעקטע", ווייל דאס קינד איז אפן און VULNERABLE צו אינפארמאציע וואס קומט פון א קינד וואס לערנט מיט אים אין איין חדר, סאך מער ווי ער איז אפן צו א גוי'אישע בילד אויפ'ן סיטי באס.

די סיטי באס בילד איז די "וירא" וואס מיינט "געזען".

די זאכן וואס זיין חבר פון זיין חדר רעדט מיט אים שטילערהייט אין א זייט, דאס איז שוין די צווייטע וירא, עס שניידט אריין ביז די טיפענישן פון די מח.

די מענטשן וואס לעבן קורצזיכטיג, נישט מיט די עיני השכל, זענען די וואס זענען קלוגער פון צדיקים, שפעטן פון זאגן משניות, שפעטן פון לעבן מיט א צדיק, שפעטן פון מאכן שידוכים, זיי לאכן זיך אונטער און טענה'ן אז שמירת עיניים IS A THING OF THE PAST, זיי שרייען אז שלום בית איז האפענונגסלאז, לאז געמאך, איך טשיל מיט מיינע פרענדס און מיין ווייב טשילט מיט אירע פרענדס און מיר וואוינען פשוט אויף איין אדרעס און צאלן איין לעקטער ביל.

די מענטשן וואס לעבן מיט די צווייטע "וירא", די מענטשן וואס לעבן מיט הסתכלות, די מענטשן וואס לעבן מיט די אויגן פון די שכל, די מענטשן וואס קוקן אויף הונדערט יאר ארום, פאלגן א צדיק און טוען וואס איז ריכטיג, שטאפן זיך אן מיט תורה ותפלה.

ביי אברהם אבינו שטייט וישא אברהם את עיניו, זאגט מוהרא"ש, אז אברהם אבינו האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו קוקן נאר צום אייבערשטן, זיין גאנצע הסתכלות איז געווען נאר צו קוקן נאר צום אייבערשטן און טראכטן נאר פון דעם אייבערשטן. (תוך הנחל פרשת וירא תשס"א).

וירא את המקום מרחוק, אברהם האט געהאט א גוטן קוק, ער האט געזען דעם אייבערשטן אפילו פונדערווייטנס. (שם)

אלקים יראה לו, דער עיקר איז מיר זאל מיר קוקן צום אייבערשטן. (שם)

מיר גייען אלע בעטן, הייליגער באשעפער געב מיר אברהם אבינו'ס אויגן, מיר זאלן קוקן צו דיר און טראכטן פון דיר.

> זיי שרייען אז שלום בית איז האפענונגסלאז, לאז געמאך, איך טשיל מיט מיינע פרענדס און מיין ווייב טשילט מיט אירע פרענדס און מיר וואוינען פשוט אויף איין אדרעס און צאלן איין לעקטער ביל.



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## חַתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט פָארְן צוּם שְׁטָאט פּוֹלְנְאָה זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

אָבֶּער מֶען הָאט אִים שְׁטַארְק אָפְּגֶערֶעדְט דֶערְצֵיילְנְדִיג אַז עֶר זִיצְט אַ גַאנְצֶע צַייט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער אוּן רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם האט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין פּוֹלְנְאָה אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת זי"ע.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג אוּן עֶר קוּמְט אָן צוּם הוֹיז פוּנֶעם תּוֹלְדוֹת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר קְלַאפְּט אַרַיין אוּן בֶּעט "אִיךְ ווִיל זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן צַדִיק", הָאט דִי רֶעבֶּעצִין גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרַיינְצוּגֵיין צוּ מַיין מַאן, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן וַוייל עֶר זִיצְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט אִין אַ צִימֶער אוּן פַארְנוּמֶען נָאר מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט צוּ אִיר: "זָאגְט פַאר אַייעֶר מַאן אַז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד אִיז דָא אוּן עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט אִים". דִי רֶעבֶּעצִין אִיז אַרַיין צוּם תּוֹלְדוֹת אוּן פַארְצֵיילְט וֶוער עֶס אִיז דָא, אוּן צוּ אִיר גְרוֹיס וואוּנְדֶער הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט "בְּרֶענְג אִים אַרַיין".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרַיין אוּן פַארְבְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת זי"ע פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת. דֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף הָאט זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס נָאר בַּיים עֶנְדֶע הָאט דֶער תּוֹלְדוֹת גֶעזָאגְט פַארְן בַּעַל הַתַּנְיָא "קוּם צוּרִיק מָארְגְן נָאכְמַאמָאל". אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן. עֶס אִיז אַזוֹי אָנְגֶעגַאנְגֶען אַפָּאר טֶעג אִין אַ צוּ.

דִי רֶעבֶּעצִין הָאט דָאס צוּגֶעזֶען ווִי אִיר מַאן אִיז אַזוֹי מְקַרֵב דֶעם גַאסְט אִיז זִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אִיר שְׁוֶועריקֵייט וָואס זִי מַאכְט מִיט, זָאגֶענְדִיג: "מִיר הָאבְּן אַפָּאר טֶעכְטֶער וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, אִיךְ בֶּעט מַיין מַאן צוּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ נַדָן צוּ גֶעבְּן פַארְן חָתָן אָבֶּער עֶר ווִיל פוּן גָארְנִישְׁט הֶערְן, עֶר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, עֶר ווִיל נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן וָואס גֵייט זַיין מִיט מַיינֶע טֶעכְטֶער, זֵיי וֶוערְן נָאר עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער. לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ יֶעצְט אַז מַיין מַאן אִיז אַייךְ מוֹרָא'דִיג מְכַבֵּד, אִיז אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים עֶר זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן שְׁטוּבּ זוּכְן אַ שִׁידוּךְ אוּן זֶען צוּצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע נַדָן".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אִין אָנְהֵייבּ פְּרָאבִּירְט זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דֶעם בַּקָשָׁה אָבֶּער זִי הָאט טָאג נָאךְ טָאג אִים גֶעמוּטְשֶׁעט בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן טוּן וָואס אִיךְ קֶען". אַזוֹי ווִי יֶעדְן טָאג אִיז דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אַרַיין צוּם תּוֹלְדוֹת צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען. נָאכְן פַארְבְּרֶענְגֶען הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת: "אִיר הָאט דָאךְ גְרוֹיסֶע טֶעכְטֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיר דַארְפְט זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן אִיר דַארְפְט זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵייעֶר וואוֹילְזַיין". הָאט דֶער הֵיילִיגֶע בַּעַל תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ קֶען נִישְׁט, וַוייל אִיךְ דַארְף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַ גַאנְצְן טָאג". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיג.) בִּתְּךָ בָּגְרָה - דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט גְרוֹיס, שַׁחְרֵר עַבְדֶּךָ וְתֶן לָהּ - בַּאפְרֵיי דַיין קְנֶעכְט אוּן גֶעבּ אִים צוּ אִיר, אָבֶּער דָאס מֵיינְט אוֹיךְ בִּתְּךָ בָּגְרָה - דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט גְרוֹיס, שַׁחְרֵר עַבְדֶּךָ וְתֶן לָהּ - בַּאפְרֵיי דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן גֶעבּ עֶס פַאר דַיין טָאכְטֶער, זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט אִיר חֲתוּנָה מַאכְן, וָואס דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס".



דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא אִיז אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן תּוֹלְדוֹת, עֶר הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען אוּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט עוֹסֵק זַיין אִין זִיכֶער מַאכְן אַז זַיינֶע טֶעכְטֶער גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן.

זֶעט מֶען וָואס אִיז חָשׁוּב, אוּן אַז אַמָאל דַארְף מֶען אוֹיךְ אַוֶועקְלֵייגְן דִי אֵייגֶענֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז הַיינְט דָא.

**(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך שמים)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קל"ו

שַׁבָּת שׁוּבָה זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען אִינֶעם רֶבִּינְ'ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ צוּ עֶסְן מִיט זֵיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוּן זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט נִישְׁט זִיצְן גֶעוֶוענְלִיךְ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, נָאר אִין גֶעוִויסֶע צַייטְן אִין יָאר

זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט נֶעבְּן רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן גֶעהָאפְט אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר מִיט גְרוֹיס בֶּהָלָה, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן זַיין גְרוֹיסֶע טָאכְטֶער, זִי אִיז גְלַייךְ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַיין צִימֶער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִיר אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן זַיין קְלֵיינֶעם טָאכְטֶער. זִי הָאט וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייקֶענֶען אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי דֶעם אֱמֶת", הָאט זִי אִים גֶעמוּזְט אַרוֹיסְזָאגְן קְלָאר וָואס הָאט פַּאסִירְט.

דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אוּן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט פַאר אַ שָׁעָה אֲבֵלוּת.

דֶעם רֶבִּינְ'ס צִימֶער הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען הַארְט נֶעבְּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דָארְט דַאוֶוענֶען אַלֵיין אִין זַיין חֵדֶר מְיוּחָד אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט קַדִּישׁ, קְדוּשָּׁה, בָּרְכוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער.

שְׁפֶּעטֶער אִין יֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין צִימֶער צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דַאן גֶעזֶעסְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ מִיט זֵיי.

דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעוֵויינְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז וֵויינֶען דַארְף קוּמֶען פוּן שִׂמְחָה, עֶר הָאט דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן רֶמֶז אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ"ט, י"ז) "בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם", אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז "בְּכִיָּה", וֵויינֶען. אַז דֶער עִיקָר שִׂמְחָה דַארְף זַיין פוּן דֶעם וָואס מֶען אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע"ה).

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעהַאט - וִוי מֶען רוּפְט עֶס אִין חֲסִידוּת - אַ "גְרוֹיסֶע הֶאָרָה" צוּ זָאגְן תּוֹרָה, נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי פְּטִירָה פוּן זַיין טָאכְטֶער, אִיז עֶס צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דִי קְלֵיינֶע טָאכְטֶער פֵיגָא, וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת זִיךְ זֵייעֶר אָפְּרֶעדְן צוּ אִים, וַוייל וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט רְפוּאוֹת, הָאבְּן זֵיי זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט אַ גוֹי וָואס הָאט גֶעטוּן מִיט לְחָשִׁים אוּן סְגוּלוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז כָאטְשׁ וָואס הַיינְט טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל קַיין כִּישּׁוּף מַאכֶערְס, אָבֶּער יֶענֶער גוֹי אִיז יָא גֶעוֶוען אַ גֶעהֶערִיגֶער מְכַשֵּׁף, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער פְּגַם פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע אוּן גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, דֶערִיבֶּער אִיז זִי זִיךְ גֶעקוּמֶען אָפְּרֶעדְן אוֹיף דֶעם.

דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעמוּזְט פְרֶעגְן אוּן מֶען זָאל אִים זָאגְן קְלָאר אַז זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן דַאן הָאט עֶר אִיר גֶעקֶענְט מְתַקֵּן זַיין. אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן דִי גְרוֹיסֶע תּוֹרָה וָואס עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ זָאגְן בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי ווילְן אוּן בֶּענְקֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נָאר גְרֵייט צוּ פָארְן אוֹיבּ עֶס קוּמְט זֵיי אָן גְרִינְג אוּן גֶעשְׁמַאק, דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט קַיין אֱמֶת'ע רָצוֹן, וַוייל וֶוער עֶס ווִיל אֱמֶת'דִיג אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ גֵיין אֲפִילוּ צוּפִיס, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית י"ב, א') "לֶךְ לְךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֵיין מִיט דִי פִיס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

# קוק אהער

## דער פאסטמאן גלייכט שטיגליץ -
## שטיגליץ גלייכט טשולענט

א

ין קרית ברסלב ליבערטי, מיט כמה וכמה שנים צוריק, האט געוואוינט אן אלטער איד, געקומען דא איז ער צו קענען געניסן פון די אמעריקאנער רואיגקייט און פרייהייט און ווייטער קענען בלייבן היטן די תורה.

דארט אין שטאט אינעם ברען פונעם אמעריקאנעם שמאלץ טאפ אין מאנהעטן איז געווען כמעט אוממעגליך זיך צו קענען דערהאלטן אין יענע תקופה און היטן די תורה, ווייל די גאס האט ליידער געבלאזן גאר פארקערטע ווינטן מיט מינים ואפיקורסים וואס האבן געוואלט פארדרייען דעם קאפ פארן דערשלאגענע המון עם, וואס האט באטראכט דעם פרישן גלות אמעריקע, אז דא אין אמעריקע דארף מען שוין נישט היטן די תורה חלילה.

לײדער ווי באקאנט זענען פילע אידישע קינדער אריינגעפאלן אין דעם פינסטערן נעץ און זיך געלאזט פירן פון דעם ווינט פון "יעדער". אפילו די וואס זענען באמת געווען פרום אינדערהיים האבן לײדער אין אמעריקע זיך נישט געקענט דערהאלטן קעגן די ביטערע נסיונות וואס האבן דאן געפלאגט די אמעריקאנער גאסן ווי שוין באשריבן אינעם סוכות בלעטל.

אין רעזולטאט האבן אסאך אידישע קינדער וואס האבן זיך יא געוואלט האלטן געטריי צו די תורה און צום באשעפער זיך ארויסגעצויגן צו די וויסטע פוסטע קעטסקיל בערג ווי די נסיונות פון שמירת שבת און פון היטן די תורה זענען נישט געווען אזוי שווער.

נאך ביז היינט ווען מ'פארט ארום אין די קעטסקילס ראיאן, זעט מען אין יעדן טאון נאך א שול נאך א אידישע בית החיים וואס קוקט אויס ווי עפעס ארויס פון די היסטאריע ביכער, אלטע בנינים מיט צושויבערטע פענסטערס, טונקל און נאכגעלאזט, אבער אונטער זיך באהאלטן זיי א היסטאריע פון אידישע קינדער וואס האבן נישט געוואלט אפלאזן דעם אייבערשטן.

ווי מיר ווייסן און הערן פון אונזערע צדיקים קען א איד נישט אנגיין אין לעבן און ציען דורות אן זיין צו געבינדן צו א צדיק, א מורה דרך, א רב, אן ערליכע איד. א איד צו קענען אנגיין מוז לעבן מיט א צדיק, עס לויפט סינאנים, אן דעם איז אוממעגליך, און לײדער איז די ענדע גאר ביטער...

אזוי האט לײדער פאסירט מיט די אידן וואס האבן זיך ארויסגעצויגן צו די קעטסקיל בערג מיט מסירת נפש צו בלייבן ערליכע אידן שומרי שבת, לײדער זענען זיי נישט געווען קיין גרויסע תלמידי חכמים על פי רוב, און עס האט געפעלט רבנים וואס זאלן אוועקשטעלן די אידישע לעבנס שטייגער אז עס זאלן זיך ווייטער ציען שיינע דורות.

יא טאקע, שיינע שולן האבן זיי דאן אויפגעבויט, און אפילו געהאט שיעורי תורה, אבער פון צו זארגן פאר זייערע קינדער האבן זיי לײדער געגצליך פארגעסן.

קיינע תלמידי תורות און מיידל שולעס האבן זיי נישט אוועקגעשטעלט און אפילו זיי זענען טאקע געווען פרומע טייערע ערליכע אידן אבער אן א צדיק קען מען נישט לעבן!

די קינדער זענען לײדער אויפגעוואקסן וויסטע פוסטע עמי הארצים, ווייל קיין שום חינוך האבן זיי נישט באקומען, אזוי אז נאך א דור צוויי איז לײדער כמעט גארנישט געבליבן פון די אידן.

***

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



גיי פרעג דעם פאסט טרעגער דארט מיטן ווייסן בארד אויב ער וויל א טעלער טשולענט!

דער גוי?! טשולענט?!

אוודאי וועט ער בכלל נישט וויסן וואס דאס מיינט בכלל טשולענט...

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך בין חושש אויף יעדער "גוי" דא אין געגנט אז דאס זענען ליידער פארפאלענע אידישע קינדער... ה"י".

מ'נעמט די קוראדזש מ'גייט גיין פרעגן דעם שטעטל פאסט מאן אויב ער וויל א טעלער טשולענט...

"נייין" ענטפערט ער "טשולענט גלייך איך נישט, אבער שטיגליץ דאס יא... דאס געדענק איך מיין זיידע פלעגט אלץ עסן שטיגליץ הערינג לכבוד שבת...."

***

נאכאמאל האט פאסירט אז איינער וואס זעט אויס ווי א 'גוי' איז געגאנגען דזשאגן (לויפן) שבת נאכמיטאג ארויף דעם האשקי גאס און ביים דורכלויפן דעם ראש ישיבה'ס הויז האבן די קינדער ארויסגעשריגן "אזא פיינע טשולענט! ווער דארף טשולענט? מיר האבן די בעסטע טשולענט!"

טשולענט??

דער פארשוין דרייט זיינע טריט צום ריכטונג פונעם ראש ישיבה'ס הויז און זאגט "טשולענט האט איר? נעוואדע וויל איך א טעלער!"

דער אידיש קינד האט געבעטן אויב קען מען אים ברענגען א קאפל ביים עסן דעם טעלער טשולענט...

שטעלט זיך ארויס אז ער איז ליידער דער אידיש קינד מר. שטיגליץ פון דעם שטיגליץ גאס!!!

ביים קביעת מזוזה אין די נייע חדר האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט "דאס וואס דו באקסט אריין אין די קינדער ווען זיי זענען קליין דאס גייט זיי באגלייטן לאורך ימים ושנים".

"אויב ווען ער איז אויפגעוואקסן האט ער געזען און געהערט שטיגליץ מיט טשולענט, דאס איז געווען זיין חינוך, דאן וועט דער פאסטמאן בעטן שטיגליץ און שטיגליץ וועט בעטן טשולענט... דאס איז אים נעבעך פארליבן פון די יונגע יארן גארנישט מער".

"אבער דא האבן מיר א חדר א פאבריק פון אמונה, דא וועלן די קינדער הערן יעדן טאג נאכאמאל 'דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער האט דיך ליב, קום צוריק צום אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל'. דאס וועט זיי באגלייטן אז אפילו אויב שפעטער אין לעבן וועלן זאכן נישט פארן אזוי געשמירט, וועלן די קינדער אבער האבן ווי צוריק צו פאלן, דאס וועט זיי ליגן אין די ביינער אייבערשטער אייבערשטער אמונה אמונה!!!"

שכח אייבערשטער אז מיר זענען צוגעקלעבט צו צדיקים, מיר גייען נאך אין די אויסגעטרויטענע וועגן פון צדיקים, און דאס געבן מיר איבער פאר אונזערע קינדער, אן א צדיק רירט מען זיך נישט!

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א חדר וואו צו שיקן די קינדער, כדי אז נאך אלע יארן חדר גייען די קינדער ארויס מיט דעם מעסעדזש אין קאפ "איבעראל איז דער אייבערשטער, דער אייבערשטער האט מיך אזוי שטארק ליב!"

אמונה אמונה אמונה

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**


השלם זה הבנין
נאך געציילטע זכותים פארבליבן
אינעם נייעם בנין התלמוד תורה
האנדלט אייך איין א זכות לנצח נצחים!
רופט שוין די געטרייע גבאי קרן הבנין:
מו"ה שבתי מארקוס הי"ו
347.735.9688
מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו
347.997.2348



א באזונדערע מסיבת לחיים
וחתימת שטרות וועט פארקומען
פאר אלע נדבנים וואס גייען
העלפן אינגאנצן פארענדיגן דעם
בנין לשם ולתפארת

# מגבית
# הרחבת
# גבולי קדושה

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™



REQUEST MALE
OR FEMALE
(UPON AVAILABILITY)

# Viruses are going around.

# So is the doctor's office.



TMMC MOBILE CARE TRAINED MEDICAL

**718.208.2030**

Medease
CARE AT HOME

STREP CULTURES | FLU, COVID & RSV TESTING | FULL RESPIRATORY PANEL | EAR CHECKS
URINE CULTURES | BLOODWORK | RASHES & PINK EYE | SEASONAL ALLERGIES



פאר די ברסלב'ע שטוב

**הער א מעשה**

מיט תפילה קען
מען טאנצן אויף
צוויי חתונות

**א ווארט אין גראם**

וועג AI מיין
ווייזער

# א מאמע א שטיק זאלץ

ש. טראכטער

# ווארעמע
# בערסטן



***אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל, איז געבליבן לעבן נאכן צווייטן וועלט קריג, מיט מסירות נפש היטן זיי אידישקייט אין רוסלאנד. ר' יודא לייב לאזט צוואה פאר זיין טאכטערל.***

***כ' סיון תש"כ איז ר' יודא לייב אוועק. בתי' מיט איר מאמע פרובירן דורך אלע וועגן זיך ארויסצוזען פון רוסלאנד.***

***און יעצט ליינט ווייטער:*** מיט גרויסע ניסים האבן זיך בתי' מיט די מאמע געטראפן ארויפגיין אויפ'ן פליגער געציילטע טעג שפעטער ארויס פון דעם רוסישן גהנים און געוועוונדט זייערע טריט צו ארץ הקודש. די התרגשות און הודאה וואס זיי האבן געשפירט אין יענע מינוטן איז נישט עפעס וואס עס איז מסוגל אפצושרייבן אויף א פאפיר.

ווען זיי האבן ענדליך זוכה געווען זיך צו באזעצן אין ארץ הקודש האט בתי' זוכה געווען צו טרעפן אן ערליכע שידוך ר' אברהם בארג.

ליידער האט בתי' קיינמאל נישט זוכה געווען צו קיין קינדער. זי האט אסאך געטון פאר אידישע קינדער און איז געפארן ארום די וועלט און געהאלטן דרשות וואס האבן מקרב געווען אידישע קינדער צום אייבערשטן. איר מאמע מרתביילא מייזליק האט אויסגעלעבט ביז א טיפן עלטער. זי האט פארברענגט אירע עלטערע יארן מיט תפילה און שמחה.

בתי' האט דערציילט אז אויף דער עלטער ווען זי פלעגט אריינקומען צו איר מאמע "האט מיין מאמע געהאלטן אינמיטן א שמועס מיט'ן אייבערשטן."

איין טאג איז בתי' געקומען באזוכן איר מאמע. איר מאמע



30

## ש. טראכטער

איז שוין דאן געווען איבער ניינציג יאר און בתי' האט איר געזען ליגן אויף די ערד און זוכן עפעס. בתי' האט זיך דערשראקן. "מאמע! וואס גייט פאר? פארוואס ליגסטו אויף די ערד?"

"בתי'לע," האט די מאמע געזאגט, "איך זיך מיינע צירונגען."

"דיינע צירונג, מאמע? צוליב דעם בייגסטו זיך אזוי?"

"קוק בתי'לע, ווען מען גרייט זיך צו גיין צו א חשוב'ע פערזענליכקייט טוט מען זיך אן פאסיג. ריכטיג? איך גרייט זיך אצינד אן צו א באזוך מיט'ן באשעפער פון די וועלט, איך וויל דאווענען שחרית, זאל איך זיך נישט אנטון ווי עס פאסט?!"

מרת בילא האט אלעמאל געהאט אן אפענעם אויער אויסצוהערן יעדנ'ס ווייטאג. זי פלעגט זיך ווערטלען אז יעצט אויף די עלטער קען זי שוין נישט טון אזויפיל חסד ווי אמאל דעריבער האט זי באשלאסן צו עפענען אן "אויער גמ"ח."

מרתביילא פלעגט אפט רעדן פון דעם אז יעדער גייט איין טאג צוריק און זי פלעגט אסאך נאכזאגן וואס חז"ל זאגן אז עס איז גוט פאר א מענטש צו זיין קראנק דריי טעג איידער ער ווערט נפטר.

פונקט אזוי האט פאסירט. דריי טעג איז די צדיקות געווען קראנק צווישן לעבן און טויט און י"ז תמוז תשמ"ג איז מרת ביילא מייזליק ארויף צום אייביגן לעבן.

***

מרת בתי' בארג איז ווייטער געגאנגען אין די דרכים פון אירע עלטערן און פראבירט צו פארשפרייטן אידישקייט און אריינברענגען א חשיבות המצוות און א שמחה צו זיין א איד אין די הערצער פון פיל.

זי איז נפטר געווארן א יאר צוריק, דעם פארגאנגענעם כ' חשון תשפ"ה אין עלטער פון 88 יאר. זי ליגט אין בית עלמין הר המנוחות.

קומענדיגן דינסטאג חיי שרה געפאלט איר יארצייט. ווי אינטערסאנט דער אייבערשטער האט געפירט אז מיר האבן געענדיגט איר אינהאלטסרייכע תוכן'דיגע פארציילונג פונקט צום יארצייט.

***

ליינענדיג די העלדישע געשיכטע ווערן אסאך מענטשן אנטמוטיגט, טראכטנדיג צו זיך "וואו ווייט איז דאס פון מיינע השגות... איך וואלט אזוינס נישט געקענט באוויזן. פיל מיינען אז דאס איז נאר א געשיכטע וואס האט זיך געקענט אפשפילן אין פריערדיגע צייטן, און מיינט נישט מיר און איז מיר נישט מחייב."

אבער דער אמת איז אזוי ווי דער הייליגער רבי' זאגט אונז אז יעדער מענטש בזה העולם פראבירט מען אויס מיט שווערע ביטערע נסיונות, און דער עיקר איז "מה שקורין" דערהאלטן זיך.

מיר זענען אין א כסדר'דיגע מלחמה זיך צו האלטן ביי די קלארע און ריינע אמונה. די מטרה איז די זעלבע, נאר די שפיל און די צוגעהערן זענען אנדערש אויסגעשטעלט אין יעדע דור.

אמאל איז עס געווען קאמיוניסטן, סאציאליסטן און אמאל מלחמות און רדיפות. שפעטער איז עס איז געווען די אפיקורסוס וואס האט געשוועבט אין די אמעריקאנע גאס מיט די נסיונות פון שמירת שבת, און היינט איז עס א דור מיט אירע אייגנארטיגע נסיונות. די מלחמה צו בלייבן ביי די ריינע אמונה גייט ווייטער אן.

דער אייבערשטער האט אונז ברוך השם נישט אויסגעשטעלט צו רדיפות פון די קעי. דזשי. בי. אדער פון פראגראמען. אמאל האט מען געקעמפט צו זיין אן ערליכע איד צווישן גוים, און היינט דארפן מיר קעמפן צו בלייבן אן ערליכע איד צווישן אידן.

אין א דור ווי "אמונת חכמים", "אמונה פשוטה" "ריינע שטובער" איז אלטמאדיש און צוריקגעשטאנען, דארפן מיר אויך נוצן די זעלבע כוחות ווי די פריערדיגע האבן געניצט.

די תורה טוישט זיך נישט, קיין חילוק וואס די וועלט זאגט, קיין חילוק וויאזוי די ווינטן בלאזן אינדערויסן, מיר בלייבן געטריי "מי לה' אלי"...

און די קייט פון מסירת נפש פון טויזנטער יאר זייט הר סיני וועט זיך בעזרת השם ווייטער ציען אין מיין מקדש מעט.

ווען זי פלעגט רעדן צו פרויען און מיידלעך, פלעגט זי כסדר זאגן "איך האב ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קדיש נאך מיר, דעריבער אויב איינער פון אייך לערנט זיך ארויס און פארבעסערט זיך א דאנק מיין דרשה, זאל דאס זיין ווי א קדיש פאר מיר.

זאל דאס זיין אן עליה פאר איר טייערע נשמה בתי' בת יהודה לייב ע"ה.

*ענדע*

# הער א מעשה

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

1. מ'קען נישט טאנצן אויף צוויי חתונות אין איין נאכט. אבער מיט תפילה קען מען אפילו אנקומען צו דריי.

מיין מאמע האט געמאכט א שבע ברכות אין איר הויז אין קרית יואל מיט די הילף פון אלע קינדער, יעדער האט געמאכט עפעס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען מיטהאלטן און אויך קענען פרייליך מאכן מיין חשוב'ע מאמע.

למעשה געפון איך אויס אז אין די זעלבע נאכט מאכט בר מצוה א חשוב'ע משפחה פון שטעטל, וואס איך וויל אמת'דיג אנקומען צו זיין דארט כאטש אביסל און איבערגעבן מיינע מזל טוב וואונטשן.

די טאג פון די שבע ברכות האט מיין מאן באקומען אן איינלאדענונג צו די מסיבת לחיים פון לייגן די מזוזות אין די נייע שטאק וואס מ'האט צוגעבויעט צו די חדר בנין, וויל ער האט זיך אינטערגענומען א סכום געלט פאר די בנין.

אלע דריי אין איין נאכט, ווי אזוי מאכט מען דאס? א גאנצן טאג אינמיטן טון מיין ארבעט האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך גוט אויסשטעלן, אבער כ'האב נישט געוואוסט וואס איך וויל בעטן ווייל אסאך מאל אז מ'וויל אנקומען צו אפאר פלעצער פארפאסט מען פונקט אלעס און מ'האב נישט הנאה פון קיין איינס.

ווען מיין מאן איז אהיימגעקומען פארנאכטס און מ'האט זיך געדארפט גרייטן צו ארויספארן האבן מיר באשלאסן מ'גייט בעטן דעם אייבערשטן צו מיטהאלטן און הנאה האבן פון אלע דריי און מאכן די פונקטליכע חשבונות.

מיר זענען ערשט אריין צו די בר מצוה ווי אלעס איז שוין געווען שיין צוגעגרייט און אלע נאנטע משפחה זענען שוין דארט געווען צו קענען אנוואונטשן מזל טוב.

שכח אייבערשטער דער ראש ישיבה איז דעמאלטס אנגעקומען און זייער שיין גערעדט, ס'איז געווען א עקסטערע הנאה צו קענען מיטהאלטן!

נאכדעם זענען מיר צוגעפארן צום חדר בנין ווי מיר זענען אנגעקומען די ערשטע אבער אלעס איז פונקט געווען גרייט, אזוי ווי ס'נאך געווען ליידיג האב איך הנאה געהאט צו קענען ארומגיין קוקן די שיינע קלאס רומ'ס, און ס'האט נישט גענומען צו לאנג ווען די אנדערע מענטשן האבן אנגעקומען.

נאך אפאר מינוט איז דער ראש ישיבה אנגעקומען און שיין אויפגענומען דעם עולם, און די אלע וואס האבן מנדב געווען א סכום האבן געהאט די זכות צו קלאפן א מזוזה און דער ראש ישיבה האט ספעציעל אנגעוואונטשן.

די מסיבה האט נאך געהאט נאך חלקים אבער ב"ה מיר האבן באקומען אסאך חיזוק פון די פרייליכע אטמאספער און מיר זענען געווען גרייט צו פארן קיין קרית יואל צום שבע ברכות, אין וויינינגער ווי א שעה זענען מיר דארט געווען און אנגעקומען אנהייב סעודה, ס'איז געווען פונקט איין ליידיגע בענקל נעבן מיין מאמע ווי איך האב געקענט שמועסן מיט איר און מחיה זיין!

שכח אייבערשטער פאר מיך מחיה זיין, און באווייזן אז מיט תפילה קען מען טאנצן אויף דריי שמחות!

2. ס'קאכט זיך א פיינע נאכטמאל, און אז מ'קאכט שוין פאר די גאנצע משפחה, קען מען שוין קאכן פאר נאך א משפחה וואס האט געהאט א קינד.

בשעתן קאכן בעט איך דעם אייבערשטן עס זאל זאל זיין פונקט וואס יענע משפחה גלייכט און עס זאל זיין פאר זיי גענוג און צו דער זעט.

איך מיש אויף די געמאלענע פלייש און פארן לייגן בליצט מיר אריין א געדאנק אז איך זאל אנרופן פרעגן אויב איינער פון די משפחה מעג נישט עסן קיין גלוטען, און טאקע איינער פון די משפחה מעג נישט קיין גלוטען, איך האב נאך געקענט אריינלייגן צומאלענע סיריעל אן גלוטען אנשטאט די ברעיזל.

שכח אייבערשטער אז די משפחה האט געקענט הנאה האבן פון די עסן און אזוי האב איך געוואוסט צו אכטונג געבן אז די אנדערע זאלן זאלן זיך בטעות נישט אויסמישן מיט זאכן וואס האבן גלוטען.

## ק. א.
### וויליאמסבורג

נאכן אסאך בעטן דעם אייבערשטן צו טרעפן א דענאיין טאג בין איך געגאנגען זיין א סאב אין סקול און איך כאפ זיך אז כ'האב יענע טאג אויך געהאט אן אפוינטמענט. איך רוף אן דעם דאקטערס אפיס פרעגן אויב איך קען אפשטופן מיין אפוינטמענט אויף שפעטער. "ניין" ענטפערן זיי האסט שוין געדארפט זיין דא א שעה צוריק, דו ווייסט וויפיל מענטשןווארטן אין די רייע?

עס האט געמוזט ווערן געטון פאר ס'ענדיגט זיך די חודש, און איך טראכט "ווייל איך בין געגאנגען אין סקול האב איך פארפאסט", אבער איך האב זיך מחזק געווען אז פון העלפן דעם רבי'ן דערלייגט מען נישט. דעם קומענדיגן צופרי לייג איך צדקה אין די פושקע, און איך בעט דעם אייבערשטן. איך גיי צום דאקטער, זיי פרעגן מיר ווען איז די אפוינטמענט? ניין, איך האב נישט קיין אפוינטמענט אבער אפשר קען מען מיר יא נעמען, בעט איך פון די פרוי ביים דעסק.

אקעי זי גייט פרעגן דעם מענעדזשער און קומט צוריק מיט די ענטפער אז אויב ביז צוויי מינוט קומט נישט אן די נעקסטע מענטש קען איך אריינגיין. שכח אייבערשטער! איך בין אריין - ערלעדיגט וואס איך האב אזוי וויכטיג געדארפט ערלעדיגן!

איך קום ארויס זע איך די גאנצע ווארט זאל איז שוין פול, איך בין אנגעקומען פונקט אין די ריכטיגע מינוט און צו די ריכטיגע סעקרעטערי.

## מ. עקשטיין
### קרית יואל

ב"ה מיין ברודער האט חתונה געמאכט זיין זון, איך האב זיך אנגעטראגן צו מאכן א שבע ברכות אין מיין הויז, ווייל איך האב ב"ה אביסל א גרעסערע דירה, איך האב אפגעשמועסט צו מאכן די שבע ברכות צוזאמען מיט מיין ברודער'ס חתונה געהאטע קינדער. מיינע קינדער זענען געווען מורא'דיג פריילעך מיט דעם, זיי האבן שוין געציילט די טעג.

למעשה ווען ס'איז געווארן נענטער צו די חתונה האט מיין חשוב'ע מאמע געטראכט אז זי וואלט געוואלט מאכן די שבע ברכות ביי איר אינדערהיים, אדרבה אז ס'איז בעסער אזוי וויל איך זיכער אזוי.

פאר מיינע קינדער אינדערהיים איז אבער געווען שווער צו מוותר זיין אויף אזא געלעגנהייט, האב איך זיי געזאגט "אויב ענק ווילן קענען ענק בעטן דעם אייבערשטן". זיי האבן אנגענומען מיין ענטפער און זיך גענומען צו זייער ארבעט פון בעטן דעם אייבערשטן.

ממש אין די נאנטע טעג פאר די חתונה זאגט מיר מיין שוועגערין - דער חתן'ס מאמע, אז אויסער די באבע'ס שבע ברכות ווילן אירע חתונה געהאטע קינדער מאכן נאך איין קליינע שבע ברכות. זיי מאכן די עסן אבער זייער הויז איז שווער צו געבן, פרעגט זי מיר אויב איך קען געבן די הויז, איך ענטפער "יא זיכער וויל איך".

ווען מיינע ליכטיגע קינדער האבן געהערט די גוטע בשורה זענען זיי אויפגעשפרינגען מיט איין שמחה און אויסגערופן "ווייסט ווי סאך איך האב געבעטן דעם אייבערשטן".

## מ. וועבערמאן
### קרית ברסלב

כח אייבערטער איך האב די זכיה צו זיין א טיטשער אין בית פיגא.

איך האב זיך צוגעגרייט מיינע שיעורים פאר די נייע סקול יאר, בשעת'ן צוגרייטן האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז די מיידלעך זאלן הערן די שיעורים און פארשטיין און אנעמען די ווערטער וואס איך לערן מיט זיי.

אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די מיידלעך זאלן האבן די שכל זיך צו אויפפירן מיט דרך ארץ ווייל נאר אזוי קען מען מקבל זיין.

ב"ה די יאר האט זיך אנגעהויבן און די מיידלעך פירן זיך ווי קלוגע, ערוואקסענע מענטשן, איך קען איבערגעבן מיין שיעור מיט די גאנצע געשמאק, שכח אייבערשטער, און דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

ש. טראכטער



# א מאמע
# א שטיק זאלץ

לוט'ס ווייב איז געווארן א שטיק זאלץ!" רופט מיין אינגעלע אויס דראמאטיש.

מיין דריי יעריגער האט זיך ממש מחי' געווען מיט די בילד פון זיין פרשה ביכל. לוט'ס ווייב אנטלויפט פון סדום, און זי דרייט זיך אויס, ווייל זי וויל זען די חורבן וואס זי האט איבערגעלאזט אונטער זיך. און... ווייל זי האט צוריקגעקוקט איז זי געווארן א שטיק... זאלץ!

אט איז מיין צדיק'ל צוריק דא. ער וויל מיר עס ווידער ווייזן. "קוק מאמי. אזוי מאדנע. א מאמע ווערט זאלץ. פארוואס?"

איך שטיי און קוק און איך דערמאן זיך די מעשה וואס דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט צומאל פון דער מתנגד וואס איז געקומען צום בעל שם הקדוש מיט טענות אז ער קען נישט נעמען דעם דרך החסידות ווייל מען מישט אויס רוחניות מיט גשמיות. ווי קען מען זאגן אז אלעס, יעדע דבר גשמי איז א "רוף" פון באשעפער, א דערמאנונג פאר רוחניות? און אזוי בשעת ער איז ביים צדיק אין שטוב, קלאפט א גוי אריין און פרעגט אויב עס איז דא עפעס וואס צו פאררעכטן אין שטוב. דער בעל שם הקדוש שמייכלט צו זיין גאסט און זאגט אים: "דער איז אויך א שליח פון באשעפער." דער איד קען דאס נישט נעמען און גייט אהיים.

די מעשה גייט ווייטער, אבער איך האב זיך דא אפגעשטעלט. דער אייבערשטער רופט מיר אויך מיט די בילד. ער וויל מיר עפעס דערמאנען, מיר אויפמערקן עפעס וואס איך דארף פאררעכטן.

...

אט פריער האב איך זיך פארלוירן. איך האב נישט גערעדט שיין צו איינער פון די קינדער. און איך שפיר אזוי צוקלאפט דערפון. איך הער נישט אויף צוריקצוטראכטן. ממש נעכטן האב איך געהאט אזא שיינע שמועס מיט א חבר'טע. מיר האבן איבערגעשמועסט די וועכטנלכע חינוך גליון, די וואונדערליכע און נוצבארע עצות. איך האב גערעדט אזוי איבערצייגנד און היינט...? וויאזוי בין איך אזוי אדורכגעפאלן? פארוואס האב איך זיך נישט געקענט איינהאלטן. איך קוק צוריק

און עס ווערט מיר אומעטיג אויפ'ן הארץ.

...

מיין טאכטער'ס לערערין האט מיר פריער גערופן. זי האט מיר געפרעגט א שאלה. איך קלער אז איך האב נישט ריכטיג געענטפערט. איך וואלט איר ווען געדארפט זאגן אנדערש. איך קוק צוריק און איך בין פול מיט חרטה. פארוואס האב איך איר נישט געזאגט א בעסערע תירוץ?

...

אוי, די ספיקות, אוי די שאלות, אוי, דאס איבערטראכטן... איך טרעף זיך זיצן סוף טאג אויפ'ן סאפע און מיין מח שפילט איבער דעם פארגאנגענעם טאג. איך שפיר שולדיג אז איך האב אזוי געטון, און שלעכט פאר'ן נישט טון אנדערש. איך וואלט ווען געדארפט טון אזוי און אזוי. איך זיץ און איך קרעכץ און דער פרומער שטן וויל מיר איינרעדן אז איך מאך זיך אצינד א שטיקל חשבון הנפש, איך בין גאר א וואוילער פרומע פרוי. באמת מאך איך זיך אבער א שנעלע חשבון צו זען, "וואו טראגט מיר דעם חשבון?" וואס מאכן די סארט חשבונות מיט מיר? דער הייליגער רבי האט אונז שוין געזאגט אז צווישן עצבות און לב נשבר איז דא גאר א קליינע חילוק. וויאזוי קען מען זיך מעסטן? עצבות מאכט דיר צובראכן, דעפרעסט, האבן טענות ח"ו אויפ'ן אייבערשטן (און אויף זיך, וואס איז אייגנטליך חסרון אמונה.)

עס מאכט דיר פאר א שטיק זאלץ.

...

איך שטיי און איך קוק זיך ווידער איין אויף די פרשה בילד פון מיין אינגעלע. דאס בילד איז פאר מיר א הימלישע רוף, מיר צו ווייזן און דערמאנען וואס איך דארף פאררעכטן. וואס פאסירט מיט א מענטש וואס קוקט כסדר צוריק? ער ווערט א שטיק זאלץ!

איבערקלערן און איבערטראכטן איז נישט פונעם יצר טוב. עס איז דער יצר הרע מיט זיין פרומע גלעזער. מיר האבן שוין אומצאליגע מאל געהערט פונעם ראש ישיבה שליט"א "ספיקות איז עמלק. ספיקות איז קליפות."

דער ראש ישיבה שליט"א האט אמאל נאכגעזאגט א ווארט פארוואס איז דער פוקס, וועלכע איז באקאנט אלץ די קלוגסטע חי' נישט דער קעניג פון די חיות? ווייל דער פוקס האט א גרויסע חסרון, ער קוקט כסדר צוריק. און אז מען קוקט כסדר צוריק, קען מען נישט זיין מלך!

אז א מענטש קוקט כסדר צוריק, קען ער נישט זיין מלך אויף זיך. ער קען נישט זיין א מח שולט על הלב. דאס הארץ ווערט אים כסדר פארקראמפט. ער קלערט איבער... אוי, איך וואלט געדארפט טון אזוי און אזוי. און דאס לאזט אים נישט שטייגן. דאס האט נישט מיט תשובה. דאס האט אפשר מיט גאוה. דאס קומט צומאל ווען א מענטש טראכט אז "ער טוט", "ער רעדט", "ער פארשטייט", דאן קומען אריין די שווערע מחשבות.

דערפאר איז אזוי גוט צו טון די עצה פון הייליגן רבי'ן. דער רבי דערציילט אז עס איז זייער גוט זיך איבערצוגעבן אינדערפרי דעם טאג צום באשעפער. גלייך אינדערפרי, נאך מודה אני, זאג, "הייליגער באשעפער איך געב זיך איבער צו דיר. אלע מיינע מעשים, מחשבות און דיבורים. מיין גאנצע טאג. איך געב זיך אינגאנצן איבער צו דיר. פיר מיר אויפ'ן גוטן וועג."

נאך אזא תפילה (און אז מען קען נאך צולייגן וואס מען קלערט צו טון דעם טאג און בעטן א תפילה, איז דאס זיכער חשוב און טייער), וואס איז שייך איבערטראכטן? אויב האב איך אזוי געטון, איז דאס געווען רצון ה'. און אויב איך האב געהאנדלט נאריש? איז דאס אויך רצון ה'.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, "וואס מען טוט איז גוט, אבי מען טוט נישט קיין שלעכטס."

איז וואס טוט מען אבער אויב מען איז יא אדורכגעפאלן און מען האט יא געטון "נישט גוט?"

נו, דערפאר טאקע, פאררוף איך זיך א "ברסלב'ער" און דעריבער לעב איך פון די חיזוק פון הייליגן רבי'ן, וואס לערנט מיר די כלל פון "אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכט, גלייב אז דו קענסט פאררעכטן."

אויב איך שפיר ווי איך פאל כסדר אדורך, דארף איך צונייגן אן אויער און הערן דעם רבי'ן'ס געשריי, "געוואלד! זייט אייך נישט מייאש. קיין יאוש איז נישט פארהאן!"

און אז דער יצר הרע קומט (ער האט גוט געהערט דעם לימוד פון אין שום יאוש און אויך "פון יעצט", ער קומט טאג טעגליך מיט א פרישקייט) און ער וויל מיר מאכן איבערקלערן, וועל איך נאכאמאל איינאטעמען די אמונה וויטאמין און זיך דערמאנען "מה אני? מה חיינו?" ווער בין איך? וואס בין איך? איך בין פשוט א שטיק אייבערשטער און אז דער אייבערשטער האט מיר אזוי געפירט, איז זיכער גוט.

מיט די געוואלדיגע מתנה פון התבודדות, קומט א מענטש צו, צו אמת'ע חשבון הנפש, זיך אמת'דיג צו קוקן אין שפיגל, און צוביסלעך מיט אסאך תפילה איז מען זוכה אויסצושווענקען די מח און אריינטראפן אביסל אמונה אין זיך, צו וויסן און געדענקען אז "אין שום מציאות מבלעדיך כלל" עס איז נישטא קיין שום זאך אין די וועלט חוץ דער אייבערשטער.

און אז אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס, דאן וואס איז דא איבערצוקלערן? וואס איז דא צוריקצוקוקן?

ווען עס שטייט אין די תורה "ויהי" איז דאס לשון צער (ויהי מיינט "עס איז געווען"). ווען עס שטייט "והיה" (און עס וועט זיין) איז עס א לשון פון שמחה.

קוקן אויף צוריק ברענגט זאלץ, קוקן אויף פאראויס ברענגט שמחה. לאמיר קוקן פאראויס. עס איז גוט און ווערט נאר בעסער. עס קומט שיינע טעג. מיר דארפן זיך נאר איבערגעבן צום אייבערשטן, דאנקען אויף די עבר און בעטן אויף די עתיד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט א טייער ווארט פון הרב ר' יצחק לעזער שליט"א. פארוואס שאקלט מען די נענועים דוקא ביי די פסוקים פון "הודו לה'" און פון "אנא ה'"?

ווייל דאס איז די לעבן פון א איד. הודו לה', איך דאנק דיר אייבערשטער און אנא ה', העלף מיר אייבערשטער. מודה אני לפניך... על כל החסד אשר עשית עמדי, ואשר אתה עתיד לעשות עמי

איך דאנק דיר אייבערשטער פאר אלע חסדים וואס דו האסט געטון מיט מיר. איך קוק נישט צוריק מיט באדויער. איך קוק צוריק מיט לויב און איך בעט דיר אויך אויף ווייטער. פארלאז מיר נישט!

(די ארטיקל האב איך אפגעשריבן נאך אן אינהאלטסרייכער שיחות חבר'טע מיט מרת היימליך. מזל טוב צו דיין ניי געבוירן קינד, אסאך אידיש נחת געזונטערהייט.)

# אן AI וועגווייזער

ח. ה. מינצבערג




א שיין בילד,
פון א ציס קינד,
א שווארצע קאפל ער גייט,
מיט בלאנדע פיאות ביי די זייט.

מ'דארף נישט ברענגען א מאלער,
מיט פארב און בלעטער,
אין AI דרוק אריין דיינע רצונות,
און באקומסט אלע חלומות.

דארפסט שוין נישט ברעכן קאפ,
עס ברענגט דיר פונקטליך אראפ,
געבט דיר א אוויסוואל,
פון רעצעפטן אויף יעדן פאל.

ענטפערט דיר וועלכע בענקל,
וואס צו קויפן און קיין קווענקל,
ער איז אייביג מוכן,
וועלכע אדרעס צאלסט נאר זוכן.

אבער עס איז וואר,
פאר יעדן קלאר,
מ'קען עס נישט ניצן אייביג,
און צו דעם זיין גלייביג.

דאס אלעס איז פאר אונז באקאנט,
ס'איז נאר א נאכגעמאכטע פארשטאנד [בינה מלאכותית].

ס'איז אין אסאך ערטער געשטאנען,
אין איין פלאץ שוין היינט פארהאנען,
א טעכנאלאגיע א בעסערע,
א פארשטאנד א אמת'ע.

מיט יעדן איד טוט עס שטימען,
טוט פונקטליך אויספארעמען,
ווי יעדער וויל באמת אויסקוקן,
מ'דארף שוין אפילו א קנעפל נישט דרוקן.

עס געבט אונז צו וויסן,
פונקטליך די אדרעסן,
וואו יעצט מען שטייט,
און וואו יעדער צום סוף גייט.

מען מוז עס האבן,
ס'איז קריטיש פארן לעבן,
אין אלע אומשטענדן,
ווייזט פונקט צו וועמען זיך צו ווענדן.

ווען עס מאכט זיך סיי וועלכע שאלה אין לעבן,
נעם איך גלייך דעם קונטרס דערנעבן,
איך קוק אריין אין מיין AI וואס רופט זיך עצתו אמונה,
און דאס געבט מיר א קלארע חכמה דעת ובינה.

קינדער בלעטל

# ס׳רעגנט

רעגן איז א ברכה -שרייב טישל

וואר קען זיין
א יששכר?

- געב א שמייכל

דער אייבערשטער וועט דיר
אויסלייזן פון אלע צרות

- ספר המדות

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

צִירִי: הַיינְט וִויל אִיךְ עֶנְק פַארְצֵיילְן זֵייעֶר אַן אִינְטְרֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אָבֶער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל עֶס צוּ דֶערְצֵיילְן, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס מִיטְן תְּנַאי, אַז אִיר נֶעמְט אַרוֹיס אַ שֵׁיינֶע לֶערְנוּנְג דֶערְפוּן...

נֶעכְטְן צוּפְרִי הָאבּ אִיךְ פַארְפַּאסְט דִי בָּאס, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ וואוֹין נִישְׁט צוּ וַוייט פוּן סְקוּל, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס בִּיזְן סְקוּל.

כְ'הָאבּ זִיךְ שְׁפַּאצִירְט גֶעשְׁמַאק צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער "אָה, אַזֶעלְכֶע גוּטֶע לוּפְט, שְׁכַּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! סְ'זֶעט אוֹיס, אַז סְ'הָאט גֶערֶעגְנְט דִי נַאכְט, מִ'שְׁפִּירְט אַז סְ'אִיז רֵיינֶע אוֹיסְגֶעוַואשֶׁענֶע לוּפְט..."

פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן אַ גְרוֹיסְן וֵוייסְן הוּנְט (דָאג)! כְ'בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן! כְ'הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען!!!

כְ'הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְן לוֹיפְן, לוֹיפְן, לוֹיפְן אוֹיף דִי גְלִיטְשִׁיגֶע גַאס, אוּן דֶער הוּנְט, זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ אַנְטְלוֹיף, הָאט עֶר מִיר אָנְגֶעהוֹיבְן נָאכְיָאגְן, מֵיינֶענְדִיג אַז אִיךְ וִויל אִים שֶׁעדִיגְן. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן נָאכְמֶער דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן!

כְ'הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְן לוֹיפְן מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט וָואס כְ'הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ קֶען.

מִיט אַ בָּאמְבֶּעדִיגֶע הַארְץ אוּן פַארְכַאפְּטֶע אָטֶעם הָאבּ אִיךְ אַרֵיינְגֶעשְׁטוּרֶעמְט אִין קְלַאס, אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף מַיין בֶּענְקְל אָן קֵיין בְּרֶעקְל כֹּחַ.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן קֶעמְפְן מִיט אַ הוּנְט וָואס אִיז פִיל גְרֶעסֶער אוּן פְלִינְקֶער פוּן מִיר! כְ'הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ הַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ לוֹיף אַרַיין אַזוֹי הִיסְטֶערִישׁ אָן מַיין גֶעוֶוענְלִיכֶע קוּרְצֶע קְלַאפּ אוֹיפְן טִיר פוּן קְלַאס.

"הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁפֶּעטִיגוּנְג עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ?" - הָאט דִי לֶערְן גֶעפְרֶעגְט.

"אָה... אָאם... יָא" - אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְן זוּכְן, קוֹים כַאפְּנְדִיג אַוואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ.

"פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעלָאפְן? דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט".

"אָה... אָה... כְ'הָאבּ... גֶעוָואלְט אָנְיָאגְן צוּ דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען" סְ'הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען אַז דִי לֶערְן נֶעמְט אָן מַיין שְׁוַואכְן תֵּרוּץ. "שׁוֹין, צִירִי, נֶעם אַרוֹיס דַיין סִידוּר אוּן פַאנְג אָן דַאוֶוענֶען" - הָאט זִי גֶעזָאגְט, קוּקְנְדִיג מִיט פַארְוואוּנְדֶערוּנְג אוֹיף אִיר בַּאקַאנְטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע שִׁילֶערְן, וָואס זֶעט פְּלוּצְלוּנְג אוֹיס אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן אוּמְקָאנְצֶענְטְרִירְט.

אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעמִישְׁט צוּ בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְן זָאגְן, אָבֶער מַיין מֹחַ אִיז נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען אִיז מִיר נָאכְגֶעלָאפְן דִי בִּילְד וִוי דֶער גְרוֹיסֶער וֵוייסֶער הוּנְט לוֹיפְט מִיר נָאךְ מִיט זַיין בְּרֵייט אָפֶענֶע מוֹיל אוּן לַאנְגְן צוּנְג.

כְ'הָאבּ מִיךְ פַארְגֶעסְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן בַּיי שְׁטֵייעֶנְדִיגֶע בְּרָכוֹת, כְ'הָאבּ נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעמִישְׁט דִי בְּלֶעטֶער, נָאר מַיין מוֹיל הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אָן צוּ טְרַאכְטְן, וִוי נִישְׁט וִוי הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען.

אַ גַאנְצְן טָאג הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם אִינְצִידֶענְט מִיטְן הוּנְט, אוֹיסֶער וֶוען מֶען הָאט גֶעשְׁפִּילְט קֶעטְשׁ, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מִיטְגֶעשְׁפִּילְט זַייעֶנְדִיג שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעזֶעטִיגְט פוּן לוֹיפְן הַיינְט.

בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן, בִּילְדֶער פוּן וֵוייסֶע הוּנְט זֶענֶען מִיר גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דִי אוֹיגְן צוּרוֹיבְּנְדִיג מַיין רוּאִיגְקֵייט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט פוּן אֵיין זַייט בֶּעט צוּם צְוֵוייטְן.

גַאנְץ שְׁנֶעל זֶענֶען דִי וֵוייסֶע הוּנְט פַארְוַואנְדְלְט גֶעוָוארְן אִין וֵוייסֶע בֶּערְן, אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה וֵוייסֶע בֶּערְן! מִיט שְׁפִּיצִיגֶע צֵיינֶער אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע אוֹיגְן! זֵיי וִוילְן מִיר אוֹיפְעֶסְן!!! גֶעוַואלְד! כְ'הָאבּ מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן חָלוֹם בַּאגָאסְן מִיט שְׁוֵוייס, אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן שְׁרֵייעֶן אִין חָלוֹם.

וַוייזְט אוֹיס אַז עֶנְדֶע בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, וַוייל אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט...

כְ'הָאבּ שְׁנֶעל גֶעקוּקְט אוֹיפְן זֵייגֶער, וָואס? סְ'אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁפֶּעט? אִין פִינְף מִינוּט אִיז דִי בָּאס!

כְ'הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, זִיךְ אָנְגֶעטוּן, שְׁנֶעל שְׁנֶעל אַיינְגֶעפַּאקְט עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן אַרוֹיסְגֶעפְלוֹיגְן צוּ דִי בָּאס. אָבֶער... כְ'הָאבּ פַארְפַּאסְט.

מִיט לַאנְגְזַאמֶע טְרִיט בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיז, אִיךְ גֵיי נִישְׁט נָאכְאַמָאל צוּפִיס!

"צִירִי" - הָאט מִיר מַאמִי אוֹיפְגֶענוּמֶען - "הָאסְט פַארְפַּאסְט דִי בָּאס? נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, דוּ קֶענְסְט גֵיין צוּפִיס, אַזוֹי וִוי נֶעכְטְן".

"אִיךְ קֶען נִישְׁט" הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַנְטְשְׁלָאסְן, מִיט אַ טְרוּקֶענֶע מִינֶע אוֹיפְן פָּנִים.

"פַארְוָואס נִישְׁט? נֶעכְטְן בִּיסְטוּ אוֹיךְ

## ל. סאקס

גֶעגַאנְגֶען צוּפִּיס".

"הַיינְט קֶען אִיךְ נִישְׁט!

"דֶערְצֵייל מִיר פַּארְוָואס!" הָאט מַאמִי גֶעבֶּעטְן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ, וואו אִיז מַיין אֱמוּנָה? אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל הָאט מוֹרָא פוּן אַ הוּנְט? אִיךְ שֶׁעם זִיךְ! אִיךְ קֶען נִישְׁט פַּארְצֵיילְן!

"צִירִי, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט צוּ הַאלְטְן וֵוייטָאג אִין זִיךְ, דֶערְצֵיילְן וָואס דְרִיקְט אִיז אַ קְלוּגֶע עֶרְוַואקְסֶענֶע זַאךְ".

הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט, דֶערְצֵיילְט אוּן גֶעוֵויינְט.

וָואס? אַ גְרוֹיסֶע מֵיידְל וֵויינְט?

יָא, כְ'הָאבּ גֶעוֵויינְט, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס סְ'אִיז מִיר גֶעשֶׁען, אָבֶּער דָאס הַאלְטְן דִי פַּחַד אִין מִיר, הִיטְנְדִיג עֶס נִישְׁט אַרוֹיס צוּ וַוייזְן אִינְדְרוֹיסְן הָאט מִיר אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן יֶעצְט הָאט עֶס גֶעפְּלַאצְט.

כְ'הָאבּ גֶעשִׁילְדֶערְט פַּאר מַיין מַאמֶע דִי שְׁטַארְקֶע פַּחַד וָואס כְ'הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט, כְ'הָאבּ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט מַיין בּוּשָׁה וָואס אִיךְ פִיל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹרָא פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ חוּץ פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר בַּארוּאִיגְט, אַז סְ'אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז מְ'הָאט מוֹרָא, יֶעדֶער גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא.

אוּן וִויאַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, נָאר פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דוּרְכְ'ן אַסַאךְ אַסַאךְ חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה!

אוֹיךְ מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְס בָּחוּר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִין וַואלְד, הָאט עֶר זִיךְ גֶעזִינְגֶען וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה: מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין... בִּיז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר הָאט שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט!



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "אלט טאר מען נישט זיין"

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט אמאל געזאגט: ווער איז אייך שולדיג אז איר האט נישט קיין ידיעה אין**

א. ערליכקייט
ב. ערנסקייט
ג. פרומקייט
ד. איידלקייט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: "ס'איז א גרויסע מצוה צו זיין פריילעך שטענדיג!"

## געב א שמייכל

**יעדער קען זיין א יששכר, זבולין נישט** (זיי ווילן נישט...)

גערברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**סז. עַל יְדֵי אֱמֶת, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹדֶה אוֹתְךָ מִכָּל הַצָּרוֹת.**

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיטְ'ן אֱמֶת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע צָרוֹת.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**רעגן איז א ברכה!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ו | ב | ר | כ | ה | פ | כ | ס |
| ו | נ | ט | ג | ה | ג | ר | ע |
| נ | ל | א | ד | ת | ע | ת | ס |
| מ | ק | ש | ד | ג | כ | מ | נ |
| ק | נ | ש | נ | ד | מ | פ | ד |
| ס | ק | ט | ה | ל | ג | י | ק |
| ע | ס | ג | פ | ס | ג | א | ג |
| ז | ג | ד | ר | ז | נ | ש | י |
| ז | א | ר | ע | ס | א | ו | ו |
| פ | ל | י | ס | ט | ס | ב | מ |
| ש | מ | ה | ב | י | צ | ש | א |
| ק | י | ס | א | ז | פ | ת | ס |
| ס | ה | ת | ד | ח | ט | ע | ג |
| פ | ו | כ | ה | מ | י | ג | י |
| ו | ה | פ | ו | נ | ע | י | ס |
| ל | ע | ק | פ | נ | פ | י | ט |
| י | ס | נ | ש | פ | ז | ל | ד |
| ד | נ | ק | ג | א | נ | צ | ע |
| נ | י | ג | ל | ר | ח | ק | כ |

ס׳רעגנט ס׳גיסט
פון הימל וואסער פליסט
ס׳קומט א ברכה
פאר די גאנצע משפחה!

# מענטשערליך

## אויפְנֶעמֶען שֵׁיין דִי גֶעסְט

### דָוִד

"נֶעם מַיין בֶּעט. עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע... דִי הֶעכְסְטֶע... דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע... דִי שֶׁענְסְטֶע..." הָאט חַיִּים פְּרָאבִּירְט צוּ אִיבֶּערְצֵייגְן דֶעם גַאסְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ אוֹיסְוֶועלְן זַיין בֶּעט.

בִּנְיָמִין הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט טוּן דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בֶּענְקְל צוּ אוֹיסְגְרַאמֶען זַיין בֶּעט: "אַ קִישְׁן אוּן אַ דָאכֶענֶע זִיךְ צוּ צוּדֶעקְן.... קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְוֶועקְן... מַיין בֶּעט אִיז מוֹרָא'דִיג... אוּן אוֹיךְ..."

"תּוֹרָה'דִיג!" הָאט דָוִד צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעלַאכְט.

אִיךְ וֶועל נֶעמֶען דַיין בֶּעט, בִּנְיָמִין. יֶעצְט אִיז עֶס טַאקֶע אַ תּוֹרָה'דִיגֶע מִצְוָה'דִיגֶע בֶּעט. "אָבֶּער וואוּ וֶועסְטוּ שְׁלָאפְן?" הָאט דָוִד גֶעפְרֶעגְט בַּאזָארְגְט.

זָארְג זִיךְ נִישְׁט דָוִד הָאט חַיִּים גֶעזָאגְט אוּן אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט אַ דִינֶע מַאטְרַאץ פוּן אוּנְטֶער זַיין בֶּעט. "וֶוען מִיר הָאבְּן אַ גַאסְט, גֵייט דִי בֶּעסְטֶע בֶּעט פַאר אִים.... אוּן אֵיינֶער פוּן אוּנְז שְׁלָאפְן אוֹיף דֶעם... עֶס אִיז אַבִּיסְל בַּאקְוֶועם... אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם... יֶעדֶע גַאסְט, נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶועם... פְרֵייעֶן מִיר זִיךְ אַזוֹי צוּ אִים..."

דָוִד הָאט זִיךְ גֶעפִילְט זֵייעֶר בַּאקְוֶועם אַלְס גַאסְט בַּיי דִי מֶענְטְשְׁעֶרְלִיךְ פַאמִילְיֶע, כָאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט גְרַאמֶען וִוי זֵיי.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין אִין בֶּעט אוּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ אָנְצִינְדֶען אַ מַעֲשֶׂה צוּ הֶערְן בִּיז זֵיי שְׁלָאפְן אַיין.

***

"אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג" הָאט חַאמַאד זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר כַאמַאל.

כַאמַאל הָאט פְּרָאבִּירְט זִיךְ צוּ בַּאקְוֶועם מַאכְן אוֹיפְן אֵייזְל צְוִוישְׁן אַלֶע פֶּעקְלֶעךְ, אָבֶּער עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען.

"יָא", הָאט עֶר צוּגֶעשְׁטִימְט "עֶס אִיז צַייט זִיךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן, אָבֶּער וואוּ? דָא אוּנְטֶער דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע זוּן? לָאמִיר פָארְן נָאךְ אַבִּיסְל, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ שָׁאטְן, אָדֶער אֶפְשָׁר גָאר אַ וַואסֶערְ'ל זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְפְרִישְׁן".

נָאךְ אַ אֵייזְל הָאט זִיךְ צוּגֶערוּקְט נֶענְטֶער צוּ זֵיי. אִיר קֶענְט זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי אַבְרָהָם'ס הָאטֶעל, דָארְט קֶענְט אִיר זִיךְ אָפְּרוּעֶן אוּן בַּאקוּמֶען פַיינֶע סְעוּדוֹת.



בילדער: ח. שטיינבערג



"אַ האָטעל דאָ אין מִדְבָּר? זאָג מִיר די אַדְרֶעס און מִיר פָאָרְן גְלַייךְ אַרַיין!" האָט חַאמַאד זִיךְ גֶעפְרֵיידְט.

מַאךְ דָא אַ רֶעכְטְס, און דֶערְנָאךְ 2 לִינְקְס. פָאר גְרָאד און דְרֵיי זִיךְ צוּרִיק און מַאךְ 2 רֶעכְטְס. דָארְט וֶועסְט זֶעהן אַ גֶעצֶעלְט מִיט 4 טִירְן.

כַּאמַאל און חַאמַאד הָאבְּן אוּנְטֶער גֶעאַיילְט די אֵייזְלֶען. נָאכְן זִיךְ דְרֵייעֶן אַהֶער און אַהִין, זֶענֶען זֵיי עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּנְטֶער אַ גְרוֹיסֶע בּוֹים מִיט אַ בְּרֵייטֶע שָׁאטְן, און אָפְּגֶעוַואשְׁן זֵייעֶר פִיס. אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זֵיי אַרוֹיסגֶעבְּרֶענְגְט אַ פַייְנֶע סְעוּדָה און זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן בִּיז זֵיי זֶענֶען זַאט גֶעוָוארְן.

נָאכְן זִיךְ אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט בַּאצָאלְן און וַוייטֶער פָארְן.

"יַישֶׁר כֹּחַ פַאר די פַייְנֶע סְעוּדוֹת" הָאבְּן זִיךְ די גֶעסְט בַּאדַאנְקְט. "וִויפִיל דַארְפְן מִיר צָאלְן פַאר דֶעם?"

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "אִיר דַארְפְט מִיר נִישְׁט בַּאדַאנְקֶען און נִישְׁט בַּאצָאלְן, נָאר פַאר דֶער אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער גָ-ט וָואס הָאט דָאס אַלֶעס גֶעמַאכְט".

די גֶעסְט הָאבְּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען הָאלְצֶענֶע קְלֶעצֶער פוּן טַאשׁ און זִיךְ גֶעוָואלְט בּוּקְן.

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זֵיי אָפְּגֶעהַאלְטְן און זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "די נַארִישֶׁע הָאלְץ קֶען דֶען בַּאשַׁאפְן אַן עֶפְּל? בְּרוֹיט? פְלֵיישׁ? אַ גַאנְצֶע וֶועלְט?

עֶס אִיז דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן די וֶועלְט, און עֶר פִירְט די וֶועלְט, און אַלֶעס וָואס מֶען הָאט דַארְף מֶען דַאנְקֶען נָאר אִים, און אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען בֶּעטְן נָאר פוּן אִים".

וֶוען די גֶעסְט הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן די נַארִישֶׁע גֶעטְשְׁקֶעס און אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין די גַאנְצֶע וֶועלְט.

***

"עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ זַיין אַ גַאסְט אִין עֶנְקֶער הוֹיז" הָאט דָוִד גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט צוּ אַהֵיים גֵיין", אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ בִּין אִין אַבְרָהָם אָבִינוּ'ס הָאטֶעל! וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶנְק בַּאצָאלְן?

"קוּם נָאכְאַמָאל!" הָאבְּן חַיִּים און בִּנְיָמִין גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"אוּנְזֶער בַּאצָאל... אִיז אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נָאכְאַמָאל!" הָאט חַיִּים גֶעגְרַאמְט, "פַאר גֶעסְט עֶפְן אִיךְ אַלֵיין די טִיר... אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט פִיר... וֶוען אַ גַאסְט קוּמְט צוּ מִיר... פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אָן אַ שִׁיעוּר..."

"וֶוער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אוּנְזֶער הוֹיז, אוּנְזֶער בֶּעטְן און אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן?" הָאט בִּנְיָמִין גֶעפְרֶעגְט. "לָאמִיר צוּזַאמֶען זָאגְן שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן און שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן די מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים!"



שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



יודל יאקאבאוויטש



הינדי יאקאבאוויטש



משפחת אינדיג 24 האשקי



משפחת שטיינבערג



שלום פארקאש



אדי כץ



חי'לע כץ



יוטי שטיינבערג

# געמאלן

## א מעשה פון תפילה




געבעטן: פייגעלע פרידריך תחי' געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי'ן:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קלאסיפיידס

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יודא אייזנער הי"ו**
**וזוגתו פיגא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון פארטוגאל הי"ו**
**וזוגתו רבקה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

**מזל טוב!**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה עזרא בוים הי"ו**
**וזוגתו אסתר תחי'**
**צו די חתונה פון א זון למזל טוב**
**עב"ג מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו**
**וזוגתו סימא תחי'**




## כולל היכל הקודש

ברוך השם מען האט אנגעהויבן א פרישע זמן, מען האט געענדיגט הלכות שבת און מען האט אנגעהויבן יורה דעה, צוליב דעם נויטיגט מען זיך אין פרישע ספרים וואס רעדט פון די סוגיא.

צו נעמען א חלק אין קויפן נייע ספרים פארן כולל פארבינדט אייך מיט הרב יחזקאל שארף שליט"א

## דירה אויף האשקי

א צווייי בעדרום דירה און א איין בעדרום דירה צו דינגען פאר שבתים.

רופט משפחת וועבערמאן
845-492-0566

# געשעעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





בר מצוה פון הבחור אברהם יצחק בן מו"ה ישראל פוקס הי"ו



ביים פארטיילן נאש פאר די קינדער אין תלמוד תורה



אין א שמועס מיט די בחורים אין ישיבה

קרעדיט: אייזיק ראטה, ישראל העסקעל, לייבי ראטה, שמואל בלעדי, איציק מענדלאוויטש



פרייליכע חתונה פון החתן יהודה דוד נ״י בן מו״ה יואל לעווי הי״ו עב״ג בת מו״ה נפתלי יצחק בוים הי״ו אין בני ברק



כולל בוקר זיך אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע פרישקייט



מעמד לחיים וקביעת מזוזה ביים נייעם שטאק פון תלמוד תורה











**קביעת מזוזה ביים נייעם שטאק פון תלמוד תורה מיט די חשובע נדבנים**






חברי הנהלת קרן הבנין













קביעת מזוזה ביים נייעם שטאק פון תלמוד תורה מיט די חשובע נדבנים



**ביים אינטערשרייבן און שליסן מקח מיט די חשובע נדבנים**



ביים אינטערשרייבן און שליסן מקח מיט די חשובע נדבנים










ביים אינטערשרייבן און שליסן מקח מיט די חשובע נדבנים

בס"ד

לעצטע געלעגנהייט לעצטע געלעגנהייט לעצטע געלעגנהייט

## מודעה משמחת

# חלק י"א

מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן פאר אנ"ש אז
מיר גרייטן זיך שוין צו דרוקן ספר עצתו אמונה




זכות בספר

**$500**

צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:

**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**
**347.578.4449**

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

*sruliHeskel